פרויען, אונזערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן אויך זיין שטאָלצע יידן און שטאָלצע מענטשן.

העלפט אונז דערפאַר צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקערן די פונקציעס פון „פריינט פון יידיש לשון" און די „יידישע העפטלעך" !

די פונקציעס פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, וואָס עקזיס־טירן שוין בערך זעקס יאָר, זיינען בעיקר : —

צו אינפאָרמירן, באַלערנען און זיך צו באַהעפטן מיט די „אבות" פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור : מענדעלע, י. ל. פרץ און שלום עליכם — אַט דער שלשלת־היוחסין איז די גאָלדענע־קייט, וואָס האַלט צוזאַמען אונזער געשיכטלעך, טראַדיציאָנעל, נאַציאָנאַל, רעליגיעזן און מאָדערנעם יידישן לעבן אין די גלות־לענדער ; און איז די גאָלדענע בריק אויף וועלכער ס׳האָבן און ס׳טרעטן היינט, ציען זייער יניקה און שאַפונגס־זאַמען אונזערע קינסטלער, גייסטיקע קולטור־פירער און לערער און קניפּן די פאַרבינדונג מיט אונזער עבר, הוה און עתיד.

די „ה ע פ ט ל ע ך " (מיט מזל שוין דער 57־טער נומער !) זיינען אויך שוין כמעט אַזוי בכבודיק־אַלט ווי עס זיינען די ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס. די דאָזיקע באַשיידענע העפטלעך, וואָס האָבן געהאַט די זכיה ווידערצושטיין אַלע פורעניותן פון אַ פינף יעריקע מלחמה און זיינען געלייטערט געוואָרן אין דעם כור־האש פון אַלע יידישע יסורים פון דער מאָדערנער־שחיטה־צייט פאַרן יידישן פאָלק און דער יידישער שפּראַך ; אַט די העפטלעך זיינען אונז פערבליבן אַלס דער איינציקער סימן מובהק פון שאַפנדיקן ליטע־ראַריש־קינסטלערישן י י ד י ש ן געדרוקטן וואָרט אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד, וואָס דערשיינט רעגלמעסיק יעדן חודש.

אַבאָנאַמענט־פּרייז פאַר די העפטלעך :—
פאַר 1 יאָר—־/13 ; האַלב־יאָר—־/7 ; חודש נומער—־/1 (ביי פּאָסט 1/2).
Address: 129, Cavell St., London (England), E.1.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין גרענד פּאַלעי, קאָמערשעל רויד.—3 אַזייגער)

שבת, 7־טן אָקט.—אַ שמחת־תורה נאָכמיטאָג פון יידישן הומאָר.
שבת, 14־טן אָקט.—איבערן יידישן שאַפן אין ענגלאַנד.
שבת, 21־טן אָקט.—ש. ראָטה איבער די מנהגים אין יידישן לעבן.
שבת, 28־טן אָקט.—נ. ב. ווייסער : דאָס שאַפן פון יידן אין ענגליש.

**א. נ. שטענצל**

**פּרייז 1 שילינג.**

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סטריט, א.1.

לאָנדאָן-ווייטשעפּל נאָוועמבער 1944—נום. 58.

# 27 יאָר סאָוועט־רוסלאַנד

## צו דער רויטער פאָן

.1

פייערדיקער, פלאַקערדיקער און רויטער
וועט זיך צעפאָכען די פאָן אַ צעפלאַמטע,
פון די געוואַלטיקע נצחונות אַצינד,
איבער וואונדיקע קעפּ בלוטיק־צעשראַמטע.

ווייטער אויסגעשפּרייטער פלאַטערן זי וועט,
אין זידיקן בלוט אַ רויטע געטויכטע !
די שטורעם־ווינטן גרויליק איבער דער ערד
פון אַזויפיל לעבנס אויסגעהויכטע.

אָ, ווי געוואַלטיק, ווי גרויס די פאָן אַצינד
מיט ביקס־מאַשינען אַ צוזאַמענגעשטעפּטע,
און מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם, מיט לעצטן,
פון מיליאָנען געקוילעטע־געקעפּטע.

ברענענדיקער ווילדער אויפלייכטען זי וועט
מיט צעוויקעל פון לייבער צעשונדענע
און מיט אויגן־געפונקל, ווילד־צעגלאַנצטן,
פון אַזויפיל נצחונות צעצונדענע — —

יאָ, גרעסער ס׳מוז זיין די פרייד פון זיגן,
ווי דער צער פון יסורים־פאַרמאַטערטע — —
די גאַנצע וועלט שוין אַרומצונעמען איצט — —
אַזאַ פאָן אַ צעוויקלט־צעפלאַטערטע.

.2

רויטע פעדעם אויף רויטן טוך
מען זעט דאָס געשטעפּ קוים אָן,
אַנדערש אונזערע שנירלעך בלוט
אויף דער סאָוועטישער פאָן.

און נישט נאָר די דינע פעדעם
איינגעשטעפּטע אינם זוים,
פון די גילדענע עמבלעמען
ס׳לייכט מיט־אַרויס אונזער טרוים —

אונטער האַמער שווער געקאָוועט
שערפּ געוואָרן ס׳איז די שווערט,
צו שניידן דערמיט צייטיק פעלד,
וואָס אַלעמען שוין געהערט . . .

הייליקער הימלישער חלום — —
אייביקער שלום און רו — —
איבערן גאַנצן קיילעך ערד
אונזער בלוט ס׳איז שליאַד דאַצו.

רויטע פעדעם אויף רויטן טוך,
מען זעט דאָס געשטעפּ קוים אָן —
אַנדערש אונזערע שנירלעך בלוט
אויף דער סאָוועטישער פאָן.

.3

„וכתתו את חרבותיהם לאתים
ואת חניתותיהם למזמרות“.

מקוים אַצינד עס ווערט די נבואה
פאַר דער גאַנצער וועלט פאַר אַלעמענס אויגן:
די שפּיזן פון די נאַשטיכן אָנאויפהער,
זעגיקע שערפן שוין און קרום צעבויגן.

און נישט נאָר די שפּיזן — די פּיקעס, די שווערדן
שטומפּיק שוין זיינען און מיט פגימות פולע,
פון קוילענען אַזויפיל און פון שטעכן —
דעם כסדרדיקן נאַשטיך געהולע!

און די שליידערנדיקע, די פייער־טאַנקן,
ס׳איז נישט די קוילן, ס׳איז נישט דאָס פלאַקערן,
פון די געפאַלענע פגרים מיליאָנען —
קומענדיקע זשניוועס זיי פאַראַקערן — —



די פּיקנדיקע ראָבן אַרום אַקער —
די פליערס וואָס קומען אָן געפלויגן!
מקוים אַצינד עס ווערט די נבואה
פאַר דער גאַנצער וועלט פאַר אַלעמענס אויגן —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און וואָס פאַר אַ זשניווע ס׳איז דאָס צוגעזאָגט,
ווען די נבואה וועט מקוים ווערן!
דערפאַר טאַקע כסדרדיק דער נאַשטיך
אויף אַ רגע אַצינד נישט אויפצוהערן.

.4

„ונער קטן נוהג בם“

אַ פּיטשעדיקס, אַ לעבעדיק־נישט־דערקוילעטס,
וואָס האָט נאָך נישט געשטעלט צומאָל זיין ערשטן שריט,
מיט אונזערע געקוילעטע, געשאָכטענע,
אין אַ מאַסן־קבר ליגט עס מיט צוגעשיט.

מיט וואַכן אויער צו דער ערד ס׳ליגט צוגעדריקט,
צו דערהערן פון די רויטע רייטער די ריט — —
מיט יעטווידן ציטער פון דער ערד אונטער זיי,
דאָס מאַסן־קבר מיט די טויטע טרייסלט מיט!

און טויזנטער שטיקער, און שטויביקע שפּליטער
די פריש-געשאָוועלטע מתים־קופּע זיך צעשיט,
און אינם רייטער גאַלאָפּ, דעם ווילדן שנעלן,
ס׳איז איינער פון זיי און יאָגט פלינק אין זייער מיט —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי געוואַלטיק, ווי גרינג—אַ זאַווערוכע ווינט,
גייט ער אַצינד דער צעהירזשעטער געריט!
און אַלע ווי איינער און אַלע אינאיינעם!
אין זיך דערשפּירן דעם נישט דערקוילעטן שניט.

ווי געוואַלטיק, ווי פלינק — אַ זאַווערוכע ווינד
און טויזנטער שטיקער, אין שטורמדיקן צעשפּליט — —
אָ, די גאַנצע ערד—דאָס גרויסע מאַסן קבר,
אונטער זייער ריט איצט וועט זיך טון אַ צעשיט.

ל. זיידמאַן

## צום זיבעטן נאָוועמבער

דעם זיבעטן נאָוועמבער וועט מען פייערן אין אַלע טיילן פון דער וועלט דעם יאָרטאָג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט דאַן ווערן 27 יאָר אַלט. דעם זיבעטן נאָוועמבער 1917, האָט דאָס רוסישע פאָלק אַראָפּגעוואָרפן דעם געהאַסטן יאָך פון די קאַפּיטאַליסטן און די גוטבאַזיצער. יענעם טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די פּלענער פון דעם מענטשן, וואָס ה. ג. וועלס האָט אים סאַרקאַסטיש אָנגערופן „דער טרוימער פון קרעמעל“.

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן אַז אין אַזאַ קורצער צייט פון אַ פערטל יאָרהונדערט, וועט די נייע מאַכט זיין די הויפּט־קראַפט צו ראַטעווען די וועלט פון דייטשן פאַשיזם, דער גרעסטער שונא פון דער וועלט. צום באַדויערן, זיינען נאָך פאַראַן פיל מענטשן וואָס פאַרשטייען ניט אַז דער כוח פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס לויט טשערטשילן „האָט אַרויסגעריסן די געדערים פון דער דייטשער אַרמיי“, וואַקסט פון די געשעענישן וועלכע זיינען פאָרגעקומען דעם טאָג, מיט זיבן־און־צוואַנציק יאָר צוריק.

אין די 27 יאָר איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע מדינות אין דער וועלט. הונגער און עם־הארצות זיינען געווען די ירושה פון המון אין די צייטן פון צאַר. פרייהייט איז געווען נאָר פאַר די אונטערדריקער און עקספּלאָאַטאָרן. יעטוועדער ווידערשטאַנד איז באַשטראָפט געוואָרן מיט כל מיני שטראָפן, וועלכע די פאַשיסטן האָבן נאָכדעם איבערגענומען. נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אונטערדריקונג האָבן געוועלטיקט. אַלט־רוסלאַנד איז געווען אַ תפיסה פון פעלקער, און אידן זיינען געווען פון די ערגסטע צו ליידן. איינגעקוועטשט אין ענגע געטאָס; פאַרוואָרט צו וואוינען אין אַ סך פלעצער; זייער ווייניק מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ לעבן; לאַנד־וויטשאַפט כמעט אויסגעשלאָסן; דער „געלער־פּאַספּאָרט“ אָדער גלות, דער איינציקער וועג צו העכערער בילדונג. צום סוף אָפּטע פּאָגראָמען פון „שוואַרץ מאַהניקעס“.

היינט איז קיין זכר ניט געבליבן פון דעם אַלעם, אַ חוץ אין די ערטער וואו דער אומריינער נאַצי האָט געלאָזט זיין צייכן. דער כוח פון סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט היינט אויסגעדריקט אין די אייזערנע קלעפּ וואָס די רויטע אַרמיי גיט די פאַשיסטן און זייערע נאָכטענצער. קיין אַנדערע מדינה, האָט ניט באַוויזן אַזאַ כוח, אַזאַ עקשנות, אַזאַ פייאיקייט צו ווידערשטעלן און צו צעשמעטערן די נאַצי פערכאַפּערס ווי די רויטע אַרמיי האָט באַוויזן. די סאָוועטישע פעלקער זיינען אויפגעשטאַנען ווי איין מענטש. אַלע זייערע דערגרייכונגען האָבן זיי געשטעלט צום דינסט דעם קאַמף קעגן פאַשיזם. די סאָוועטישע פעלקער, פאַראייניקט אַרום זייער גרויסן פירער מאַרשאַל סטאַלין, גרייטן צו צו העלפן דער מענטשהייט צו באַפרייען זיך פון דער פאַשיסטישער סכנה, און צו מאַכן אַ וועג פאַר אַ בעסערער וועלט.



דער פּראָגרעס פון די סאָוועטישע יידן אין די זיבן־און־צוואַנציג יאָר האָט ניט צו זיך קיין גלייכן. גלייך נאָך דעם ווי דער צאַריזם איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג באַזייטיגט אַלע גזירות קעגן יידן. זיי האָבן געקראָגן די רעכט זיך צו באַוועגן פריי, די רעכט צו וואוינען אומעטום, זיי האָבן באַקומען פּריווילעגיעס מיט אַלע אַנדערע בירגער צוגלייך. אָבער די ערשטע פּאָר יאָר נאָך דער רעוואָלוציע זיינען געווען די שווערסטע פאַר די יידן. די סאָוועטישע רעגירונג אין די ערשטע פּאָר יאָר פון איר עקזיסטענץ, איז דורכגעגאַנגען שווערע צייטן פון כלערליי אינוואַזיעס. „ווייסע“ אַרמייען און אויסערלעכע שונאים האָבן צעריסן דאָס לאַנד, געשטערט אין דער פּלאַניקער צוריקבויאונג. די יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַראָרימט און דעקלאַסירט, האָבן געפונען דאָס לעבן זער ביטער, ניט קוקנדיק אויף דער הילף וואָס די סאָוועטן-רעגירונג האָט זיי געגעבן. די באַזעצונג אויף לאַנד איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן ווי אַ הילף מאָס. איינגיכן זיינען די גרויסע ישובים אין אוקראַינע, קרים און קאַווקאַז געוואָרן פּאַרפעקטיקט און אָנגעהויבן אַ נייבלאַט אין זייער געשיכטע. גלייכצייטיק, זיינען שטרענגע מיטלען אָנגענומען געוואָרן אויסצוראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע איז שטראָפבאַר מיט טויט, און איצט, פרייהייט פאַר יידן—אַזוי פאַר יעדן אונטערדריקטן פאָלק, איז גאַראַנטירט אין דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. — אַרטיקל 123 ערקלערט:

„אַלע רעכט פון גלייכהייט צו אַלע בירגער פון לאַנד, ניט רעכנענדיק זייער נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, אין אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן, מלוכהשן, סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן איז גאַראַנטירט געזעץ. יעדע דירעקטע, אָדער אומדירעקטע באַשרענקונג פון די רעכט, אָדער די שאַפונג פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס פאַר בירגער צוליב זייער ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט, אָדער יעדע פּאַרטיידיקונג פון ראַסן אָדער נאַציאָנאַלער עקסקלוזיווקייט, אָדער האָס אָדער שנאה, איז שטראָפבאַר לויטן געזעץ“.

דער חלק, וואָס יידן האָבן אין דער מלחמה, איז אַ באַוויז פון זייער פאָרשריט. אויף אַלע געביטן געפינט מען יידן. איינער פון די באַרימטסטע עראָפּלאַן־בויער איז אַ ייד יאַקאָוולעוו, איינער פון די בעסטע קאָנסטרוקטאָרס פון טאַנקן איז אַ ייד זאַלצמאַן, דער באַרימטער סאָוועטישער שריפטשטעלער ערענבורג איז אַ ייד. קאַגאַנאָוויטש, איינער פון די גרעסטע סאָוועטישע אָרגאַניזאַטאָרן איז אַ ייד. עטלעכע יידן זיינען צווישן די באַרימטסטע סאָוועטישע גענעראַלן. איבער 50,000 יידן האָבן געוואונען אויסצייכנונגען אין דער פּאַטריאָטישער מלחמה פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ צאָל יידן האָבן געקראָגן דעם אָרדען „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד“, איינע פון די גרעסטע אויסצייכנונגען. בּיראָ־בידזשאַן, דאָס לאַנד, אין וועלכן יידן לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ יידישער מדינה, שפּילט אַ פירנדע ראָלע אין פּראָדוקציע. אין אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפט האָט זי געשאַפן נייע רעקאָרדן. די זעלבע זאַך איז אויך אין קולטור. די יידישע שפּראַך און יידישע ליטעראַטור בליען. יידישע ביכער, ציי־

טונגען און ביבליאָטעקן מערן זיך. אין קיין לאַנד ווערט שלום עליכם פאַרקויפט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן זיינע ווערק געלייענט פון יידן און ניט־יידן, מערער ווי אפילו די ווערק פון בייראָן, געטע, היינע, שעקספּיר, זאָלאָ א.א.וו.

די סאָוועטישע יידן האָבן באַוויזן, אַז ווען זיי האָבן די מעגליכקייט, קענען זיי ביישטייערן. אַלע יידן פון דער וועלט מעגן זיך גרויסהאַלטן מיט זיי.

מ׳קען זען, אַז די זיבן־און־צייאַנציק יאָר עקזיסטענץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַ באַדייטונג פאַר יעדן איינעם. אָט דאָס סיסטעם האָט באַוויזן, אַז עס קען בויען און באַנייען דעם מענטשן. זאָלן אַלע פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן פייערן און זיך פרייען מיט איר גרינדונג, מיט אירע דערגרייכונגען און ווייטערדיקער אַרבעט. זאָל די גאַנצע מענטשהייט, צוזאַמען מיטן שטאַרקן סאָוועטן־פאַרבאַנד, גיין פאָראויס צו אַ נייער וועלט, פריי פון אונטערדריקונג, בויט און צוואַנג.

פ. לעזמאַן

## געווידמעט די פרוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

(צו דעם 27־טן יובילעאום פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע)

27 יאָר זינט די סאָוועטישע פרוי איז באַפרייט געוואָרן פון דעם צאַרישן יאָך. אין משך פון דער צייט האָבן זיך הונדערטער פרויען אויסגעצייכנט אויף פאַרשידענע געביטן פון לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז ניט מעגלעך אין געציילטע שורות אויסצורעכנען אַלע פון זיי, ווייל יעדע פון זיי פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע אָבהאַנדלונג.

אַמשטאַרקסטן אָבער איז דער אַנטייל פון דער פרוי געקומען צום אויסדרוק אין די לעצטע פיר יאָר קריג. דאָ האָבן די סאָוועטישע פרויען באַוויזן, אַז זיי זיינען פעאיק צוגלייך מיט זייערע מענער צו שטיין אויף דער וואַך פון זייער פאָטערלאַנד, וועלכע האָט זיי געגעבן די גלייכע רעכטן און פליכטן.

טויזנטער פון זיי האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף קעגן שונא און פאַרנומען וויכטיקע פאָזיציעס אין די פאַבריקן, אויף די פראָנטן, אין די גערילאַ גרופּן. זייער מוט און ענטשלאָסנקייט האָבן ניט איינמאָל אַרויסגערופן באַוואונדערונג ניט נאָר אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַליין, נאָר גערירט ממש דאָס געוויסן פון דער וועלט (טאַניאַ פּאַווליטשענקאַ). זייער אַנטייל אין דעם קאַמף מוז באַטראַכט ווערן ניט אַלס מעכאַנישער, וועלכער פאַרפליכטעט יעדן בירגער פון זיין לאַנד נאָר אַלס אַ ז ע ל ב ס ט פ אַ ר ש ט ע נ ד ל ע כ ע ר, אַ נאַטירלעכער, ווייל די דערגרייכונגען וועלכע די פרוי האָט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַן אויסנאַם פון דעם איבעריקן טייל פון דער וועלט. איר פּאָזיציע אין דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן איז אויסגעגלייכט געוואָרן אַבסאָלוט מיט דעם מאַן.

זי האָט אַחוץ די נאָרמאַלע פליכטן פון אַ בירגער צו פאַרהיטן דאָס פאָ־



טערלאַנד קעגן שונא, נאָך אירע אייגענע פרייהייטן צו שיצן, ווייל דער קריג איז אַן ענטשיידנדיקער ניט נאָר פאַר נאַציאָנען נאָר פאַר יעדן יחיד באַזונדער. דאָ מעסט און וועגט זיך דאָס לעבן פון יעדן מענטשן אַפילו פון פּיצונקאַלעך, וועלכע האָבן נאָר וואָס די אויגן אויפגעמאַכט. און עס איז איבעריק צו רעדן וועגן דעם ווי גרויס עס איז די זאָרג פון אַ מוטער איבער איר קינד, און ערשט פון אַ סאָוועטישער מוטער, ווען זי איז דורכגענומען מיט נייעם גייסט פון פּראָגרעסיוון לעבן. דערפאַר איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון מלחמות האָבן מאַמעס געמוטיגט זייערע זין און מענער און געפירט זיי אין שלאַכטפעלד מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז דער קאַמף איז זייערער און געשטעלט זיך אַליין אין די ערשטע ליניעס צוזאַמען מיט זיי. ווייל דער פּסיכישער איבערבוי אין פאַרלויף פון די 27 יאָר פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד האָט געשאַפן דעם נייעם טיפּ מענטש מיט אַ נייעם בליק צו פּראָבלעמען, ווי אַזוי מען דאַרף לעבן, קעמפן און פאַלן. און ניט איינמאָל, פאַרשנדיק נאָך דאָס לעבן פון דער סאָוועטישער פרוי זעט מען ערשט ווי ווייט פּראָגרעסיוו, ווי רייך אין אינהאַלט זייער גאַנץ לעבן איז, אָנהייבנדיק פון אַ דורכשניטלעכער אַרבעטערן אין דער פאַבריק אָדער קאָלווירט ביז די פאָרשטייערינס אין העכסטן סאָוועט. אומעטום אויף אַלע געביטן דערהויבן זיך פרויען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן צו דער שטופע פון העלדן פון דעם סאָוועטישן פאָלק.

אויף וויפיל די אַמעריקאַנישע און ענגלישע פרויען האָבן זיך באַוויזן צו באַפרייען פון געוויסע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע צוימונגען האָבן זיי נאָך ניט דערגרייכט דעם ניוואָ פון די סאָוועטישע פרויען, אָבגערעדט שוין פון דעם וואָס אויף דער יידישער גאַס זעט מען איבערהויפּט ניט דעם אַנטייל פון די פרויען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. שווערקייטן זיינען פאַראַן, אָבער מען מוז זיך דורכברעכן אַ וועג. די סאָוועטישע פרויען ווייזן אונז ווי אַזוי זיך צו דערשלאָגן צו די רעכט. און דערפאַר שטעלט זיך טאַקע די פראַגע, וואָס טראַכטן די סאָוועטישע פרויען איבער אונז ? זיי ערוואַרטן פיל פון אונז אַלעמען. חנה לעווין האָט אונז אָנגעוויזן און אַפּעלירט צו אונז וועגן אונזערע אויפגאַבן. עס בלייבט אונז איבער פיל צו טון, צו דערגרייכן די אַלע רעכט וואָס עס האָט די סאָוועטישע פרוי.

ש. אבראמסקי

## אונזערע ברידער אין רוסלאַנד

אַ פאָר מיליאָנען געזונטע, נאָרמאַלע יידן מיט גרויסע דערגרייכונגען קען מען ניט אָפּמעקן מיט אַ פּאָר גלאַטע ווערטער.

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט דער ציוניסטישער פירער ד״ר חיים ווייצמאַן אַדרעסירט די „באָרד אָוו דעפּוטיס“, און האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט, אַז כאָטש דאָס רוסישע יידנטום איז פיזיש געזיכערט, גייסטלעך איז דאָס אָפּגעמעקט געוואָרן. ס׳איז ניט צום ענין פּאָלעמיזירן מיט ווייצמאַנען ווער איז

אַ ייד און ווער אין ניט קיין ייד. כאָטש ווייצמאַן איז אַ פירער צווישן ציוניסטן, האָט ער נאָך ניט קיין סמיכות אויף צו געבן אַטעסטאַטן ווער איז יאָ אַ ייד און ווער איז ניט אַ ייד. איין זאַך איז קלאָר, דאָס סאָוועטישע יידנטום נויטיקט זיך ניט אין הסכמות.

ס'איז געוואָרן אַ מנהג ווען מ'פייערט דעם יאָרטאָג פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע צו אַדורכקוקן די גרויסע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון די סאָוועטישע פעלקער. אַ מין חשבון הנפש—אַ באַלאַנס, צו זען דעם קרעדיט און דעם דעביט. ס'איז אַ געזונטער מנהג, ס'איז אַ מנהג פון זעלבסט־קריטיק וואָס באַווייזט אַז ס'איז פאַראַן פיל צו אויסבעסערן און לערנען פון פאַריקע גרייזן און אויך ניט בלייבן צופרידן מיט דערגרייכונגען אַליין.

היייאָר פייערט די גאַנצע וועלט, צוזאַמען מיט די סאָוועטישע פעלקער, דעם 27־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטאָבער רעוואָלוציע. די וועלט איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי דאַנקבאַר דעם סאָוועטן־לאַנד ווי אין דער מלחמה קעגן פאַשיזם. „די רויטע אַרמיי האָט אַרויסגעריסן די געדערים פון אַלגעמיינעם שונא“, אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט טשערטשיל. צום ערשטן מאָל האָט די וועלט דערקענט די גרויסע פּאָזיטיווע אויפטוען פון דעם לאַנד פון אַרבעטער און פויערים, די ראָלע פון אַ שלום־ליבנדן לאַנד וואָס קען קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ. די יידן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין די רייען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויף אַלע געביטן פון לאַנד געפינט מען זיי, אין שווערער אינדוסטרי, אין קוילענגרובן, אויף די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, צווישן דער אינטעליגענץ.

ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז ביז יאַנואַר 1943 האָבן זיך 50,000 יידן אויסגעצייכנט אין קאַמף קעגן פאַשיזם און באַקומען פאַרשידענע מעדאַלן פון דער רעגירונג, דאָס מיינט, אַז יעדער ייד פון צוועלף יידישע זעלנער האָט געקראָגן אַן אויסצייכנונג.

ס'לוינט זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר ציפערן וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאַנואַר 1939 (דאָס לעצטע מאָל ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָפּגעדרוקט אָפיציעלע סטאַטיסטיק) און זען ווי אַ פאָלק פון געוועזענע לופטמענטשן, פון מנחם־מענדלס וואָס האָבן ניט געוואוסט וואָס זיי וועלן טאָן מאָרגן, איז געוואָרן צום ערשטן מאָל אַ נאָרמאַל פאָלק מיט שווערע אינדוסטרי אַרבעטער און אַזוי ווייטער.

אין 1939 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון יידן האָבן באַטראָפן 7,2 פּראָצענטפון דער יידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד (זינגער, דאָס באַנייטע פאָלק, מאָסקווע, 1941).

אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אין 1937 האָט מען געקענט צעטיילן אויף די קאַטעגאָריעס די יידישע אַרבעטער.



| אינדוסטרי | אין אוקראַינע יידישע אַרבעטער | אין ווייס־רוסלאַנד יידישע אַרבעטער |
|---|---|---|
| | % | % |
| בויאונג | 4.4 | 2.4 |
| לאַנדווירטשאַפט | 2.5 | 1.1 |
| טראַנספּאָרט | 1.9 | 3.6 |
| פאַרבינדונג | 0.4 | 0.5 |
| קאָמונאַלע ווירטשאַפט | 2.3 | 3.8 |
| האַנדל (אָנגעשטעלטע אין סאָוועטישע געשעפטן) | 11.6 | 11.1 |
| געזעלשאַפטלעכע דערנערונג | 4.5 | 2.4 |
| בילדונג | 16.3 | 13.2 |
| קונסט | 1.5 | 3.3 |
| געזונט פאַרהיטונג | 9.7 | 6.4 |
| אַנשטאַלטן | 8.7 | 7.1 |
| אינגאַנצן | 100.0% | 100.0% |

די טרוקענע ציפערן ריידן אפשר מער ווי צענדליקער געדרוקטע בויגן וועגן דער נאָרמאַליזאַציע אין לעבן פון די יידן אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוז איך זיך באַגרעניצן נאָר מיט זייער אַ קליינע צאָל ציפערן וועגן דערגרייכונגען פון יידן. נאָר איך וויל פאַרענדיקן מיט אַ פּאָר ציפערן וועגן זייערע דערגרייכונגען אויפן קולטורעלן געביט אין יידיש. אין 1939 זיינען געווען 10 יידישע קונסט־טעאַטערן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. 339 ביכער זיינען דערשינען אין 1939. שלום־עליכמס ווערק זיינען דערשינען במשך פון 18 יאָר אין עלף שפּראַכן, מיט אַ טיראַזש פון דריי און אַ האַלב־מיליאָן. פּרץ מאַרקישעס ווערק אין דריי שפּראַכן מיט אַ טיראַזש פון 119 טויזענט. לייב קוויטקאָ'ס קינדער־ביכער זיינען ערשינען אויף 22 שפּראַכן מיט אַ טיראַזש פון זעקס און אַ האַלב מיליאָן. מ'קען ברענגען צענדליקע ציפערן וועגן יידישע שולן, קונסט־אינסטיטוציעס און אַזוי ווייטער.

דער סך הכל איז: אין סאָוועטן פאַרבאַנד, וואו אַנטיסעמיטיזם איז אַ פאַרברעך און אַלע בירגער פולשטענדיק גלייך בליט אַ נייער אידישער לעבן מיט אַ געזונטער האָרעפּאַשנער קולטור.

ס'איז גאַנץ זיכער אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר נאָך גרעסערע זאַכן הערן פון אונזערע ברידער אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

שאול טשערניכאָווסקי

# קליינגעלט

וואָס עס איז אַזוינס אַ מיל ווייסט איר אַלע.

און וואָס מען קען קויפן פאַר איין מיל, אפילו אין די גוטע יאָרן, ווייסט איר אויך, אַז נישט קיין סך.

אפילו אין רוסלאַנד איז געווען אַ קליינע מטבע, וואָס האָט באַטראָפן אַן ערך איין מיל, און מ׳האָט זי גערופן „קאָפּיקע".

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, בשעת כ׳בין נאָך געווען אַ קינד, איז אין רוסלאַנד געווען אַ זול און אָט פאַר אַזאַ קאָפּיקע האָט מען געקענט קויפן צוויי צוקערלעך, צוויי בייגל, אַ האַלב פונט ווייַנטרויבן, אַ פולע זשמעניע קליינע פישלעך, אַ קאַוואַן נישט קיין גרויסן. קיין סך נישט.

איצט שטעלט אייך פאָר אַ קליינע מטבע, וואָס איז אַ פערטל מיל, דאָס הייסט אַ פערטל קאָפּיקע, וואָס קען מען אייגנטלעך קויפן פאַר אַזאַ קליינגעלט.

און דאָך האָט מען געגאָסן אַזעלכע קליינע מטבעות אין רוסלאַנד — אַ פערטל מיל. וועט איר פרעגן פאַרוואָס?

ביי דער מלוכה זיינען געווען אַ סך באַאַמטע. די באַאַמטע ווייל זיי זיינען געווען באַאַמטע האָבן באַקומען געהאַלט, און ווייל זיי האָבן גענומען געהאַלט, זיינען זיי געווען מחויב צו ווייזן, אַז זיי קומען נישט בחינם אָפּנעמען זייער געהאַלט דעם צוואַנציקסטן פון יעדן חודש.

דאָס רוב מענטשן אין רוסלאַנד זיינען געווען קליינע גוטבאַזיצער, פויערים, און אַ מינדערהייט אינדוסטרי און פאַבריקסאַרבעטער — לייכטע און שווערע אינדוסטרי, אויך בעלי־מלאכות און אַנדערע.

זייער אַרבעט איז געווען שווער און זייער לוין—אַ קלאָגעדיקער, און מחמת פרנסה איז אָנגעקומען שווער, זענען אַ סך אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. אַזוי איז אויך מער ווייניקער געווען דער פאַל מיט די האַנטווערקער, די יידישע בעל־מלאכות; בלויז וואָס ביי יידן זיינען נישט געווען קיין אַנאַלפאַבעטן. איז געקומען אַ יום־טוב פלעגט דער ייד נעמען אַ ספר אין האַנט, יעדער איינער לויט זיין אַנטוויקלונג: איינער פלעגט זיך פאַרטיפן אין אַ בלאַט גמרא, איינער אין משניות, איינער אין עין יעקב, און די עם־הארצים האָבן געזאָגט תהלים.

דער גוי אָבער האָט נישט געקענט שרייבן און נישט געקענט לייענען, און כדי זיך צו דערכאַפּן ס׳האַרץ און צו פאַרגעסן זיין דחקות אַביסל, פלעגט ער גיין אין ווייַן־שענק אָדער ביר־שענק אַריין און דערטרענקן זיין ווייטאָק אין אַ גלעזעל שנאַפּס. דער בראָנפן־פאַרקויף איז דעמלט געלעגן אויסשליסלעך אין די הענט פון דער רעגירונג, וואָס פלעגט דערפון מאַכן גוטע געשעפטן.

עס זיינען אָבער געווען אויך גוטע מענטשן, וואָס האָבן באַקעמפט אָט דעם דאָזיקן האַנדל, טענהנעדיק, אַז די רעגירונג טאָר נישט אונטערשטיצן שכרות; עס איז איר חוב צו גרינדן פאָלקס־הייזער, ביבליאָטעקן, פּאָפּולערע



רעפּעראַטן, און קודם־כל לערנען דאָס פאָלק לייענען און שרייבן, כדי עס זאָל קענען געפינען צופרידנקייט נישט נאָר אינם ביטערן טראָפּן.

זיינען די באַאַמטע געזעסן, האָבן געזוכט און געפאָרשט און אויסגעפונען, אַז אין דער אמתן וויל גאָר די רעגירונג נישט דאָס אירע קונים זאָלן זיך פאַרקלענערן. זיי האָבן אויסגעפונען, אַז די רעגירונג איז בכוח אַ רעשט צו געבן פונם פרייז פון בראָנפן, וואָס זי פאַרקויפט, אַ האַלבן גראָשן אַ רעשט פונם פרייז פון יעדער סאָטקע,—דאָס איז געווען די קלענסטע מאָס בראָנפן אין קליינע, שיינע פלעשלעך.

זאָגן פלעגט מען, אַז דער גוי הויבט אָן טרינקען צו פינף און צוואַנציק יאָר, און אויב בעזה״י ער דערלעבט ביז זיבעציק, הויבט ער דעמלט אָן זיך אָפּצוגעוואוינען פון טרינקען, האָבן מיר הייסט עס אַ קימאַ־לן פון פינף און פערציג יאָר שכורן. אויב ער וועט באַקומען אַ פערטל מיל אַ רעשט פון יעדער סאָטקע, און ער טרינקט דאָך אַן ערך אַ סאָטקע אַ וואָך, וועט ער זיך אָפּשפּאָרן פינפצן שילינג במשך פונם גאַנצן לעבן, וועט ער לעבן לענגער, וועט ער האָבן מער, און אויב ער וועט טרינקען טאָפּלט, וועט ער דאָך אוודאי און אוודאי האָבן עפּעס אָפּגעשפּאָרט!...

די רעגירונג וויל גאָר נישט פאַרקלענערן דעם שכורס שכר, אדרבא זי, איז צופרידן אים אומצוקערן דעם עודף. זאָל ער זיך שכורן!

וועט איר דאָך זאָגן, אין רוסלאַנד איז גאָרנישט פאַראַן אַזאַ מטבע — אַ האַלבער גראָשן. מאַכט עס גאָרנישט אויס, ווייל זיי האָבן גענומען און געגאָסן אָט אַזאַ קליינגעלט—דווקא פאַר דעם דאָזיקן צוועק. און אַלץ איז געווען אין אָרדנונג.

אפילו יידן האָבן געפונען אַ נוצן פאַר אָט די מטבעות. אַז ס׳איז געקומען „ביטל" און ניי־יאָר, פלעגן שקצים ארומגיין איבערן דאָרף, אַ טייל האָבן געטראָגן אַ שטערן מיט אַ בילד פון דער געבורט און אַן אָנגעצונדענעם לאַמטערן אין דער מיט, און אַ טייל אָן אַ שטערן, פלעגן גיין פון הויז צו הויז, אַריינגיין און וואַרפן קאָרן־זריעה אויף די איינוואוינער און זיי בענטשן מיט אָט דעם פּזמון דעם שיינעם:

„זאָמען, זאָמען אָט מיר וואַרפן,
גליק און שפע זאָל אייך טרעפן".

און דער לוין זייערער — ביי די פויערים אַ שטיק קאָלבאַס, אָדער עפּעס אַ קיכל, אַ געקאָכט איי און אַזוי ווייטער; ביי יידן—קליינגעלט. יעדעס מאָל וואָס דער טאַטע מיינער איז געפאָרן אין שטאָט אַריין, פלעגט ער אַריינגיין אין דער באַנק און אויסטוישן אַ צאָל קליינע מטבעות אויף האַלבע גראָשנס, און זיי ברענגען די קינדער אַ מתנה: אַ זשמעניע נייע מטבעות, וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויס פון דער מינץ־אַנשטאַלט, האָבן געגלאַנצט מיט דעם גלאַנץ פון קופּער, געווען שטאַרק באַליבט ווייל זיי זיינען געווען די קלענסטע שבקלענסטע. אין איניקע טעג אַרום זיינען אַלע פאַרשוואונדן און מ׳האָט זיי נישט געקענט געפינען מחמת זייער קליינקייט.

ווען די שקצים זיינען געקומען אונז „בענטשן", האָט מען זיי צוגעוואָרפן אַ זשמעניע מיט אָט די קליינע מטבעות, און זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די דאָזיקע מיט אַ פריילעך געשריי, מיט אַ געקריגערײַ פון קונדסים, וואָס זיינען צופרידן מיטן זאַקרויב.

מיט דער צייט האָב איך מיך צוגעוואוינט צו די דאָזיקע מטבעות און זיי האָבן אָנגעוואוירן דעם חן אין מיינע אויגן. כ'האָב זיי שוין כמעט נישט געוואָלט אָנרירן. נאָר כ'האָב מיך ווידער גענומען זיי אָנזאַמלען וואו ס'איז נאָר געווען מעגלעך. פאַרוואָס?

מיין רבי איז אַוועק פון אונזער דאָרף און האָט זיך אויפגעעפנט אַ חדר אין אַן אַנדער דאָרף, און איך בין געגאַנגען אין אַ נייעם רבינס חדר אַריין. אין דעם ערשטן רבינס חדר זיינען מיר אַלע, איך און מיינע חברים, געווען ווי איין גרויסע משפחה; נאָענטע קרובים און וייטע קרובים, פריינט און פון די מיוחסים אין דאָרף, די סאַמע סמעטענע—די דאָרטיקע אַריסטאָקראַטיע.

אינם נייעם חדר האָב איך מיך באַגעגנט מיט אַנדערע יינגלעך פון גאַנץ אַנדערע ספערן, אַנדערע אויפפירונגען ווי די מיינע, און האָב אַ סך פון זיי געלערנט, וואָס כ'האָב טאַקע פריער נישט געוואוסט.

כ'האָב געלערנט, אַז אַ ייד טאָר נישט זיצן אין בלויזן קאָפּ, שוין אָפּגערעדט פון עסן אָן אַ היטל. מיינע נייע חברים האָבן געטראָגן פיאות, וואָס איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געטראָגן. אַלע האָבן געהאַט „ארבע־כנפות'ן", און איך האָב געמיינט אַז דאָס איז נאָר פאַרן טאַטן, ווייל ער, און נישט איך, דאַרף לייגן טלית און תפילין. איך האָב מיך דערוואוסט מיט וואָס מען שטראָפט די, וואָס זיינען עובר אויף אַן עבירה, עסן טריפות, און וואָס פאַר אַ מין עונש אין גיהנום איז אָנגעגרייט פאַר זיי. איך האָב מיך דערוואוסט, אַז מען האָרף פיינט האָבן דעם שגץ און אַזוי ווייטער.

און איך! — אַ סך פון מיינע חברים זיינען דווקא געווען שקצים. דער טאַטע איז אייגנטלעך געווען אַ ירא־שמים, נאָר אַז ס'האָט אויסגעפעלט פלעגן מיר קויפן ברויט ביים טערק—זויער ברויט, אָדער אומגעזייערט ברויט ביים גריכישן בעקער. בייגל ביי וועמען ס'האָט זיך געלאָזט. ווען מיר קינדער האָבן דווקא געוואָלט שוואַרץ ברויט, האָט די מאַמע עס געקויפט ביי דער גויע. דער טאַטע האָט איר קיינמאָל נישט געשטערט, און אַליין אַ הנאה געהאַט דערפון. בשעת פאַסכאַ פלעגן מיר באַקומען ביי זיי אַ פאַסכאַ־קוילעטש, געמאַכט פון דעם סאַמע בעסטן מעל מיט אַ סך אייער, סמעטענע, צוקער און זאַפראַן. דערפאַר האָבן מיר זיי געגעבן אַ טרוקענע מצה, וואָס זיי האָבן געלויבט איר טעם.

טאַטע־מאַמע אָבער האָבן נישט געגעסן ביי די דייטשן, ווען מיר זיינען געקומען צו זיי אויף באַזוך אין די טעג פון דער גרויסער חגא. נאָר אונז האָבן זיי געגעבן גרויסע שטיקער פאַנקוכן—טעם גן־עדן—מיט שיכטן טייג, צוקער, קעז און צימערינג.

אַ פינצטערער פחד איז געפאַלן אויף מיר: אַ וויפל עבירות איך בין שוין באַגאַנגען!



ווען כ'האָב געבעטן די מאַמע, אַז זי זאָל מיר מאַכן אַן ארבע־כנפות—האָט זי מיר געמאַכט. כ'האָב אָנגעהויבן אַכטונג צו געבן צו פאַרדעקן דעם קאָפּ בשעתן עסן. מען האָט עס מיך נישט געשטערט. צום עסן האָב איך מיך געוואַשן ווי ס'געהער צו זיין. נאָר ווען כ'האָב געוואָלט מ'זאָל מיר נישט שטערן צו טראָגן פיאות, האָט די מאַמע זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „דער טאַטע איז אַ גוטער ייד; הלוואי ס'זאָלן זיין אַ סך ווי ער! און ער האָט אויך נישט קיין פיאות, הגם זיין באָרד איז לאַנג און ברייט, און קליידט זיך נישט ווי דער רב, דער שוחט און דער שמש.

כ'האָב אָנגעהויבן צו פאַסטן יעדן תענית, נישט כדי זיך צו גרויסן פאַר מיינע חברים, נאָר טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן.

דער טאַטע פלעגט זיצן איבער זיינע ספרים אין שטוב, און נישט אין בית־מדרש, איך פלעג מיך באַמיען צו הערן אַ שיעור עין־יעקב אין בית־מדרש, און אויך זאָגן תהלים ברבים. די חזיר-קנעכלעך האָב איך אינגאַנצן באַהאַלטן.

איך האָב מיך אָנגעהויבן גוט צוקוקן צו די דרכים פון מיין טאַטע־מאַמע. זיי האָבן נישט געפונען קיין חן אין מיינע אויגן.

דער טאַטע האָט געקירצט די אויבערשטע מלבושים און לענגער געמאַכט די הויזן, זיך נישט געקליידט ווי דער רב, דער שוחט און דער שמש ר' אהרן אָדער ווי דער קצב דער זקן. דער טאַטע פלעגט זיצן אין בלויזן קאָפּ—ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט זיינע באַקאַנטע דייטשן אין הויז. ער פלעגט נישט גיין דאַוונען יעדן טאָג אין בית־מדרש, ווי אַ סך אַנדערע יידן טון דאָס. ער האָט געדאַוונט בציבור נאָר פרייטאָג־צו־נאַכטס־ און שבת. ר' אהרן און די איבריקע כלי־קודש פלעגן האָבן ווייסע בענדלעך אויפן העמדביים האַלז און די דאָזיקע פאַרבונדן, מיין טאַטע האָט געטראָגן אַ שניפּס ווי אַלע אפיקורסים ביי אונז. עסן פלעגט ער ביי ראובן, איינער פון אונזערע באַקאַנטע, אין הויז. אַ הכשר אויף זיין ווייבס קאָכן האָט ער באַקומען טאַקע ביי מיין מאַמען: „ווייל זי הייסט שרה—קאָכט זי ווי שרה". ס'זעט אויס, אַז עפּעס איז געלעגן אין אָט דעם וואָרט, אפילו קינדער האָבן עס פאַרשטאַנען. נאָר איך בין בכלל נישט געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבן געהאַלטן מילכיק געפעס באַזונדער און פליישיק געפעס באַזונדער.

סמעטענע, פּוטער און מילך האָט די מאַמע געקויפט ביי די גויעס און אין גויעשע כלים. שטערן איר אין דעם האָט דער טאַטע קיינמאָל נישט געשטערט, הגם ביי אונז אין שטוב איז אַלץ געווען שטרענג כשר. די מאַמע איז אויך אַרומגעגאַנגען אין אירע אייגענע האָר, דעם קאָפּ נישט פאַרדעקט. מיר האָט עס אויסגעזען אַז זי האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשוירן די האָר, נישט געטראָגן קיין שייטל אָדער אַ הויב, ווי די רביצין און די שוחטקע. און ווען די מאַמע פלעגט דערציילן מיט איר זאַפטיק קול און זאַפטיקער שפּראַך, ווי אַזוי ר' אהרנס ווייב גרייט אָן זאַקן פאַר איר קאַץ אויף פסח, זיינען אַלע שיער נישט געשטאָרבן פון לאַכן, און אפילו דער טאַטע האָט אויך געשמייכלט.

מיין מאַמע, זעט אויס, איז געווען אַן אַפּיקורסטע.

מיין מאַמע האָט אַכטונג געגעבן אויף דער שיקסע, דער דינסטס געַנג, איך האָב איר נאָכגעקוקט מיט זיבן אויגן.

און דאָס מוז איך אייך אויך דערציילן: אין מיין יוגנט האָב איך געקענט זער גוט וואַרפן שטיינער.

וואָלט דעמלט געווען אַ פאַרטונקלונג, אַ „בלעק־אויט״, וואָלט איך נישט געשטאַנען האַלבע שעהן פאַר עלעקטריש באַלויכטענע שוי־פענסטער און געשריגן: „שוין צייט צו פאַרלעשן דאָס ליכט!״, נאָר כ׳וואָלט מיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן אַ שטיין און אַ וואַרף געטון אויף אַ שויב. איר מעגט מיר גלויבן, אַז ס׳וואָלט גיכער געפועלט.—אַ שאָד וואָס כ׳בין נישט וואָס אַמאָל געווען!

איך האָב מיך לייכט געקענט צילעווען זער ווייט.

אָט דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. פונוואַנען זאָלט איר, שטאָט־לייט, זיך דאָס אויסלערנען? קוים וואַרפט איר אַ באַלעם, צו אייערס אַ חבר טרעפט ער באַלד עמיצן אין אויג אָדער אין אויער אַריין; טאָמער ווילט איר טרעפן אַ פאַרבייפליענדיקע קראָ, פאַלא גאָר דער שטיין אויף אַ פענסטער און האַקט אויס אַ שויב.

און איך האָב געלערנט אָט די חכמה שפילנדיג זיך אין וואַרפעלעך, מיט אַ באַלעם און מיט קנעכלעך. קנעכלעך פלעגן מיר רופן דיביינדלעך, וואָס געפינען זיך ביי קי און אָקסן אין דער קני. אַ נישט־אויסשעפלעכער קוואַל פון די דאָזיקע ביינדלעך איז געווען ביי מיין מאַמען אין קיך. יעדן פרייטאָג פלעגט זי קאָכן פיטשאַ, געגליווערטע פיס, וואָס מיר האָבן אַזוי ליב געהאַט, אַז מיר האָבן זיך באַלעקט. חזירשע קנעכלעך פלעג איך געווינען, שפילנדיק זיך מיט שקצים. איך האָב אויך געוואוסט פונם סוד ווי אַזוי אָנצופילן אַ ביין מיט בליי, כדי ר׳ זאָל זיין שווער, וואָס מיט אַזעלכן איז בעסער צו שפילן.

און אָט האָבן מיינע נייע חברים מיר דערציילט, אַז אַ ייד, וואָס גייט פאַרביי אַ צערקווע, דאַרף זאָגן דריי מאָל: „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא!״ און אויסשפייען דריי מאָל.

זיי האָבן מיר אויך אַנטפּלעקט דעם סוד: אַז אויב ס׳וועט עמיצן געלינגען צו וואַרפן אַ קליינע מטבע איבערן צלם—וועט די קירכע איינגעזונקן ווערן אין דר׳ערד.

פון דעמלט אָן ווען כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען די צערקווע, פלעג איך מיך מער נישט איינקוקן אינם באַלקן וואָס האָט גערוט אויף די פיר זיילן פון דער אַרקאַדע אויף דרום זייט, וואָס דאָרטן איז געהאַנגען אַ בילד פון „גאָט־צבאות״, אַ געשטאַלט פון אַ זקן אָן אויסערגעווינלעכער מיט ווייסע, לאַנגע האָר, וואָס די באָרד ביי אים איז אויך לאַנג און ווייס, און שוועבט אַרויף מחמת אַ שטורעם־ווינט. צענדליקער קליינע מלאכימלעך, וואָס האָבן נאָר אַ קאָפּ און צוויי פליגל, רינגלען אים אַרום—האָבן רויזיקע בעקלעך און גרויסע שוואַרצע אויגן—ס׳איז אַ ספק צי ער טראָגט זיך אויף זיי, צי זיי לענען זיך אָן אין אים.

צוואַנציק מאָל יעדן טאָג פלעג איך פאַרבייגיין די צערקווע. אונזער הויז איז אַנטקייגנאיבער דער צערקווע. פאַרבייגייענדיק, פלעגן מיינע לעפצן



שעפּטשען: „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!״ דריי מאָל, און דריי מאָל אויסשפייען.

דערנאָך איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אפשר זאָל איך פּרובירן וואַרפן אַ האַלבן גראָשן איבער דעם גאָלדענעם צלם.

דער גלאָקן־טורם איז געווען זער הויך—פיר שטאָק, און פון אויבן דער קרייץ. מ׳האָט געזאָגט, מענטשן וואָס האָבן געזעען בשעתן בויען, אַז ער איז לענגער פון דריי מעטער. נאָר כ׳וועל פּרובירן.

אין אָנהויב האָב איך מיך געלערנט וואַרפן אַ מטבע איבער אונזער ביידל, איבער אונזער הויז: אַ קליינע מטבע איז שווער צו וואַרפן. דאָס איז נישט קיין שטיין.

און ווען דער טאַטע איז ווידער געפאָרן אין שטאָט אַריין, האָב איך אים געבעטן מיר צו ברענגען „אַ סך, אַ סך קליינגעלט״.

איינמאָל אין אָוונט, איך גיי פאַרביי די צערקווע און דער טאַטע האַלט מיך ביי דער האַנט. ווי נאָר מיר זיינען צוגעקומען צו דער צוים, קיין סך פאַרבייגייער איז נישט געווען, האָב איך אָנגעהויבן מיט מיין קללה. דער טאַטע אָט זיך אָפּגעשטעלט און מיך געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, מיין קינד?

מיט אַ באַשיינפּערלעכער שמחה האָב איך אים דערציילט:

— איך שעלט די קירכע. ווי עס איז געבאָטן! שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו אא״ו!

— ווער האָט דיך דאָס אויסגעלערנט? האָט דער טאַטע געוואָלט וויסן.

— אַלע . . . אַלע מיינע חברים. . . .

— זאָלסט דאָס נישט טון, מיין קינד. האָט ער ערנסט אַ זאָג געטון.

— אַבער . . . אַבער . . . ס׳איז דאָך אַ תפלה, און מ׳דאַרף שעלטן . . . איך לערן מיך אויך וואַרפן קליינגעלט איבערן צלם, און דעמלט וועט ער איינזינקען אין דער ערד . . .

— און אויב זיי וואָלטן חרוב געמאַכט אונזער בית-מדרש? פרעגט דער טאַטע, וואָלט דאָס גוט געווען?

— אָבער ס׳איז דאָך אַ בית־מדרש!

— און דו, למדן מיינער, פאַרשטייסט וואָס די חכמים האָבן געזאָגט? „דעלך סני לחברך לא תעביד״. יאָ, דאָס, וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טון, טו יענעם נישט.

— זיי אָבער האָבן דאָך אונז פיינט!

— ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט, מיין זון, אַז דו זאָלסט דיך פאַרנעמען מיט אָט דער פראַגע. האָב פיינט דיין שונא, נאָר האָב ליב דעם מענטשן. אַ חוץ דעם זאָלסטו וויסן, אַז ס׳וועט זיך דיר נישט איינגעבן. ס׳איז אַ ליגן, מען קען גאָרנישט וואַרפן אַ האַלבן גראָשן אַזוי הויך, אַזש איבערן טורם. נאָר אין יענעם טאָג, ווען אַ קופערנער האַלבער גראָשן וועט זיין ביי זיי מער ווערט ווי דערגילדערנער צלם—וועט ממילא די צערקווע אונטערגיין, אונטערגיין פון זיך אַליין.

ס׳איז נישט אַוועק קיין פינף און דרייסיק יאָר—און די באָלשעוויקעס זיינען געקומען.

—פון העברייאישן אָריגינאַל

## ווי אלט איז זי ?

יעדן אין דערפרי
אויף דער מעשה מרכבה קומט זי צופאָרן,
נושא חן צו זיין געט זי זיך יעדער מי
זי טוט גאָרניט שפּאָרן.

ווען איר טאָג ווערט אַלט און גראָ,
פאַרבט זי זיך טונקל אירע האָר,
און אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה,
איז זי מיפּ אַ בראָנעטקע שוין אַ פּאָר.

און צומאָרגנס ניטאָ קיין שפּור,
פון אַ גראָער אָדער שוואַרצער האָר;
אויס בראָנעטקע, זי איז שוין אַ בלאָנדינקע,
אַ פייערדיקע קאָקעטקע ביז גאָר!

קען זיך דאָך אימעצן דאַכטן,
דאָס זי האָט ניט מער וואָס צו טון,
ווי צו קולטעווירן אירע פּראַכטן,
אַלע פיעראונצוואָנציק שעהן.

דאָס האַלט זי זיך נאָר אין צירן,
און וואוינט אין שפּיגל טאָג און נאַכט,
אירע קנייטשן צו אינעמאַלירן,
און קאָפּירן יוגנט ווי ס׳שמייכלט, ס׳לאַכט . . .

הייבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס!
זי איז געגוג פאַרמעכיעט איבערס קאָפּ,
מיט עבודת הפרך פון פעלד און הויז,
לאָקשן־ברעט, מולטער, באַליע און טאָפּ.

איר דאַרפט זי זען אין הערבסט־צייט,
ווי זי אַקערט מיט די לעצטע כוחות,
ווי איר פּנים איז צושניטן ווי אַ זעג,
ווי זי שעפּטשעט, „מיין אָרעם קינד ברויכט עס״.



קומט ווינטער, קליידט זי זיך ווייס,
ווי זיך צו גרייטן צו דער קבורה,
אויגן מאַט, פינגער אייז!
פון איר אָטעם שלאָגט אַ קרירה.

דאַכט זיך דאָך, די העכסטע צייט,
צו וואָרנען די חברה־קדישה,
זיי זאָלן זיין צו דער עבודה גרייט,
מקבר צו זיין די שטאַרבנדע אשה.

טאָ וואַרט־זשע טייערינשקע,
נאָך אַ חודש צוויי, דריי,
וועט איר זען אונזער אַלטיטשקע
ווייטער פריש יונג און ניי.

מיט אַ פּנים אַ גילדן עפּעלע,
און זאַפטיק און באַקראַנצט,
אַן עפּעלע מיט אַ גאָלדן צעפּעלע,
ס׳גייט ניט, נאָר ס׳טאַנצט.

קומט זומער לעבן בליט זי ווי אַ רויז,
און איז ראוי לחופה ולמעשים טובים,
גייט זי אין גאָס שפּאַצירן אַרויס,
קוקן איר נאָך אַלע שויבן.

באַגעגנט אַ לוח איר ליכטיק געשטאַלט,
„ביי־יאָריק ניי־געריק טוט ער אַ פרעג:
„זאָג מיר ווי יונג, ווי אַלט
זיינען דיינע טויטע טעג?״

ענטפערט איר שמייכל דעם קאַלענדאַר,
„אוי, ביסטו אַ קאַליקע! אַ נאַר!
יעדער טאָג וואָס פאַרגייט
לעבט און לאַכט אין דער אייביקייט״.

# די יידישע ליטעראַטור און דער יידישער אַרבעטער

1.

אַ זיך צעוואַקסנדיקע ברייט צעצווייגטע ליטעראַטור ווי אונזער מאָדערנע יידישע, ווערט נישט געשאַפן פון אַ „ונהיה ככל הגוים“־ווילן, אָדער סתם פון אַן עסטעטיש־שפּילערישער לוסט בלויז, צו „מאַכן פייגל אין דער לופטן“; די יידישע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן פון אַ לעבעדיקער נויטווענדיגקייט כדי צו האָבן לוסט און ווילן ווייטער צו קאָנען לעבן. זי איז נישט אויסגעקוועטשט געוואָרן פון דער האַרטער בית־המדרש באַנק, ווי די השכלה־דיכטונג אַן יעדער לחלוחית, ווי די זאַפטן פון דאַרע ווייִנטרויבן, וועלכע מוזן שוין אַרויסגעצויגן ווערן מיט פרעמדע פייכטיקייטן. אַרויסהויבנדיק אונזערע פאַרטיפטע אויגן פון דער גמרא אַרויס און דערזעענדיק פאַרן פענסטער דעם ערשטן צעבליטן עפּלבוים, פון דער נידריקסטער טוכלער קעלער שטוב אַרויסקוקנדיק און דערבליקנדיק דאָס פּיצעלע בלויע הימל, האָבן מיר אַזוי לאַנג ווערטער געזוכט אין אונזערע טיפעניש און מיט אונזערע פערעקשנטע, פאַרבענקטע אויגן זיך געגראָבן אין די טיפענישן פון הימל און פון ערד, ביז ווערטער זיינען בליענדיקע פון אונז אויפגעגאַנגען ווי אַן עפּלבוים אַ פולער מיט קנאָספּן. די יידישע ליטעראַטור זי איז אַזאַ לעבנס־און וויסנסבוים געצייטיקט און געזאַפּטיקט מיט זיסע פירות אונטער דעם פּיצעלע הימל און טיף וואָרצלדיק אין געהיימנישן פון אונזערע סודותדיק געירשנטע טונקלנישן, אַזוי אַז די פּילע צווייגן דערגרייכן אַזש אַריין אין די נידריקסטע פון אונזערע פענסטערלעך.

ביי איר אָנהויב באַלד זיינען די יידישע שאַפונגען געווען אַ פּראָדוקט פונם האָראָפּאַשנעם אַרבעטנדיקן מענטש. ס׳רוב פון אים אַליין געשאַפן, און אינגאַנצן פאַר אים פּראָדוצירט.

די כל־ערליי ווייבערשע תחינות און צאינה וראינה׳ס, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן, און אין משך פון דורות איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכלעכע פאַרענדערונגען, אין יידיש־דייטש, אין טייטש, אין זשאַרגאָן און אין מאַמע־לשון, זיינען געוועזן די „ליטעראַטור“ פאַר דער פאַרהאָרעוועטער יידישער פרוי, די אשת-חיל, די עקרת־הבית, וואָס האָט געברייִנגט די פרנסה אין שטוב אַריין פאַר דעם מאַן דעם תלמיד־חכם, דעם לאַ־יצלח און וואויל־לערנער. און דער פאַרמאַטערטער פאַרביטערטער בעל־מלאכה, וואָס איז אפילו שוין ביים לייכטן עין יעקב שוין איינגעשלאָפן מעבודה קשה, האָט אויך קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, ווען ער האָט געוואָלט גייסטיק גענייסן און זיין געמיט באַרואיקן, ווי זיך נעמען צו אַזאַ ווייבעריש ספר ווי דעם פאַרטייטשטן מנורת המאור, דעם לב טוב, קב הישר א.א. און די פערפאַסער פון די אָקאָרשט דערמאָנטע ספרים בשעתם, זיינען זיכער צוגעגאַנגען צו זייער



הייליקער עבודה פון אַן אינערלעכער אינטואיטיווער און הומאַנער סאָציאַלער נויטווענדיקייט, פונקט ווי מענדעלע מוכר־ספרים שפּעטער איז צוגעגאַנגען שרייבן זיינע ראָמאַנען אין יידיש—זיי האָבן אין זינען געהאַט דאָס פּראָסטע פאָלק! זיי האָבן געוואוסט, אַז נישט נאָר דער תלמיד חכם און קענער האָט אַ באַדערפעניש אין גייסטיקע שפּייז. נאָר פאַר יעטוועדע מענטשלעכע בריאה גייט אַן דער כלל פון „לא על הלחם לבדו יחיה האדם“. דאָס איז געווען דאָס הומאַנע און סאָציאַלע פון זייער זייט—אָבער דאָס אינערלעכע אינטואיטיווע אין זיי איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ פיל טיפערן מקור! פונם שעפערישן אין פאָלק, דעם מעין המתגבר, דעם קוואַל וואו היין די געזונטע וואָרצלען ציען זיך פון זיך אַליין, אַז דער שטאַם זאָל נישט איינגיין, חלילה.

מען באַדאַרף נישט מיינען, אַז די אַסימילאַציע חולאת איז ערשט אַ דערשיינונג פון נאָך דער עמאַנציפּאַציע—פילון פון אַלעקסאַנדריען האָט שוין געשריבן פאַר אַסימילירנדיקע יידישע אינטעליגענץ; אפילו דעם רמב״ם׳ס מורה נבוכים איז מסתמא געווען אַזאַ מין בוך! עס איז זער נאַטירלעך, ביי אַ פאָלק, וואָס לעבט אין אַזעלכע אומשטענדן און אויף אַזעלכע יסודות ווי דאָס יידישע פאָלק, זוכט די אויבערפלעכלעכע און בעל־ביתלדיק פּראַקטישע האַלב־אינטעליגענץ, דעם לייכטערן וועג צו עקזיסטענץ.

אָבער דאָס תמימותדיקע אומבאַהאָלפענע פאָלק מוז שוין גיין דעם שווערן וועג! און נישט נאָר ווייל ס׳האָט קיין אַנדערן אויסוועג נישט, נאָר ווייל צוזאַם אין אַ סטאַדע צוזאַמענגעטוליעט, דערשפּירט עס זיין וואַליקע וואַרעמקייט, דערפילט עס אין זיך דאָס חשיבות און דעם שטאָלץ פון צאן קדשים — און אַזוי מעקענדיק דערשראָקנדיק איינער אין אַנדערן אַריין, זיך שטויסנדיק און אויף די פיס זיך אַנטרעטנדיק טרעט אויס דאָס פאָלק דעם וועג צו זיך און פאַר זיך.

און דאָס איז דאָס אינטואיטיווע פונם שעפערישן, צו דערשפּירן דעם אינערלעכן תוך פונם וואָרט, דעם מהות פון זיין קלאַנג, פון זיין ריטם,—דעם אַקצענט פונעם וואָרט, זיין שווערפּונקט! (ביז צום דריטן דור נאָך ווערט דער אַסימילירטער נעבעך געשטרויכעלט דערמיט, נישט צו קענען גאַנץ אָפּלייקענען זיין אָפּשטאַם . . . ) — נישט זיין אויסערלעכן פּראַקטישן באַדייט און אויסטייטש, וואָס קאָן אויף אַלע לשונות אויסגעטייטשט ווערן. דער שעפערישער דערשפּירט דאָס קערנדיקע פונם וואָרט, זיך זעטנדיק דערמיט און זיך דערמיט פאַרזייענדיק, נישט זיין פאַרפלאַטערנדיקע שטרוי, זיין פּלעווע.

איז דען דאָס נאָר אַ בלויסער צופאַל, וואָס פון אַלע „געניאַלע“ יידישע ליטעראַטן און אַלע וועלט שפּראַכן האָבן זיי נישט צומאָל קיין שלום אש און דוד בערגעלסאָן נישט—פון אַ פאַרגלייך צו אונזערע קלאַסיקער אָדער צו אונזערע גרויסע פּאָעטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט!

און אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, ווען נישט מענדעלעס חלוץ־אַרבעט, ווען נישט וואָס די האַרנטע האָט זיך פאַרקאַטשעט אירע אויסגעכאַליעטע מליצה-הענט און געוואָרן אַליין אַ „שפחה“—נעמענדיק די מלוי־

צעס אין אירע געקעכלטע הענט, דאָס קערנדיקע פון דעם גערעדטן מאַמע־
לשון אויסצודרעשן. דערמיט ערשט האָבן די פאַרווייכלטע אָרעמס מוסקלען
באַקומען—דאָס איז דער גאַנצער סוד פון ביאַליקס אויסגעשמועסטן: „מענ־
דעלע נוסח"! דאָס אַלצדינג דאָ נאָר בדרך אגב.

.2

און אויב ביי איר בראשית איז די יידישע ליטעראַטור געווען אַ פּראָדוקט פאַרן
האַראַפּאַשנעם אַרבעטנדיקן מענטש און ס'רוב אויך פון אים אַליין פּראָדוצירט,
זיינען עס די פּערפאַסער פון אונזערע פאָלקס־לידער נאָך אין אַ גרעסערע מאָס
געווען, נישט ווייניקער ווי אונזערע מאָדערנע פּאָעטן, פון ראָזענפעלד, עדל־
שטאַט אָנגעהויבן ביזן היינטיקן טאָג. זיי זיינען אַלע מסתם אַזעלכע אַרויסגע־
שטויסענע פון דער בעל־ביתלדיקער סביבה געווען, פון אַן אינערלעכן דראַנג
אַזעלכע טוליענדיקע שפּעלעך, אין פאָלק־אַריין פאַרבלאָנדזשענטע און ווי
דאָס פאָלק געטריבן און פאַרלאָזן. און דאָס איז איר זכות הקיום! זי עקזיס־
טירט מיטן עקזיסטענץ פונם פאָלק!! וואָרים דער נישט פּראָדוקטיווער
ברויך ער אַ שפּראַך? ווי די פּאַראַזיט־פלאַנץ איז ער וואָס שלענגעלט זיך
אַרום אַ פּרעמדן און פעסטן שטאָם און שלאָגט זיינע וואָרצלען אין אים און
לעבט פון און ווערט לסוף אויפגעפרעסן פון אים.

און דער קליינבירגער, דער פּראַקטישער האַלב־אינטעליגענץ, וואָס וויל
אַוועק פון זיין צו באַלאַסטעטן איך, פון זיין גורל, און דאָס שמאָלע סטעזשקעלע,
אויף וועלכן ער האָט זיך אַזוי לייכט געקאָנט פאַרקריכן אויף זיינע קעצישע
לאַפּקעלעך, איז שוין צו שמאָל פאַר אים—מיטן פאַרגרעסערטן סאָציאַלן באַ־
שטאַנד אונזערן, איז די קליינבירגערלעכע צאָל פּראָצענטואַל אַלץ גרעסער
געוואָקסן! — האָט זיך צו די צענדליקער שמאָלע שטעגעלעך, דאָס „על אם
הדרך"־סטעשקעלע ברייטער אויסגעטרעטן. און ווען זי זאָל נישט זיין נאָר
כדי צו אַנטלויפן פון זיך,—זאָל שוין זיין העברעאיש אַבי נישט יידיש! אבי
נישט די נידריקע שפחה־שפּראַך פון די פּראָסטע בעלי מלאכות און עמי־
הארצים! — ווען די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור און איר איינגעפונ־
דעווער היים ערשט מוזן געשאַפן ווערן, פונעם דאָרטן געבוירענעם אַרבע־
טער און פּראָדוקטיוון מענטש. וואָרים די נייע העברעאישע ליטעראַטור ביז
יעצט, נישט מיט אַריינרעכנענדיק די אַלטע רעליגיעזע־סכאָלאַסטישע און
חקריש־משכיל'ישער, איז זי אויסשליסלעך כמעט אַן איבערגעדיכטעטע, און די
נייע־באַאַרבעטע „קרקע־בתולה", וואָס זי האָט, איז דער אופן פון די מענדעל־
שע חלוץ־אַרבעט.

אָבער אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור באַשטייט נאָך אַלץ די געפאַר,
אַז זי זאָל ווערן אַ ספרי־רומ"ל־ליטעראַטור — קולט־ביכער פון נאַציאָנאַלן
שטאַלץ, יחוסדיקע מיליע־שילדערונגען פון אַ וואַנדער־פאָלק; זי זאָל אַליין
ווערן אַ פּראָדוקט פון פערערונג און נישט פון אַ ווייטער זיך קולטיווירן.

עכטע פאָלקסשאַפונגען, ווען זיי גייען נישט אָן מיט זייער ווייטערער ענט-
וויקלונג, קאָנען סטאַגנירן אין זייער אייגענער איבערטריבענער חשיבות; זיי



ווערן רעליקוויע היילקייטן! יעדער זאַץ אַרויסגעריסן פון זיין לעבעדיקן אינ־
האַלט, ווערט נייער תוך פאַר סכאָלאַסטישע אויסטייטשונגען. און וואָלטן נישט
דעם ברעצלאָווערס און דעם באַרדיטשעווערס מעשות און לידער עס געוואָרן,
ווען נישט אונזער מאָדערנע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אַזאַ געוואַלטיקן רוק
געטון אין פּראָבלעמאַטישע טיפענישן! — מיט י. ל. פּרץ און אונזערע נייע
פּאָעטן? און אויב די ענטוויקלונג פון אונזער שאַפן וועט נישט האַלטן שריט
מיטן רעאַלן לעבן, שוועבט נאָך ווייטער אַזאַ מין געפאַר אויף דעם טייל אי־
בערטריבענער ראָמאַנטיק און סודותדיקע, ירושהדיק־אומקלאָרע בענקענישן,
מיט וועלכע אונזער ליטעראַטור איז אַזוי איבערלאָדנט.

און איז עס אַ וואונדער, וואָס אונזער ליטעראַטור איז בעיקר אַ ראָמאַנטיש־
בענקנדיקע, און אויך דאָס נאָך נישט צו די זאַכן גופא, נאָר ווייל אין זיי „ליגט
מזל ברכה"? האָט מען דען אונז צוגעלאָזן צו די זאַכן גופא? האָבן מיר דען
געהאַט די מעגלעכקייט מיט זיי זיך צו באַגעגענען פנים אל פנים? דאָס נאָדל־
פאַך איז דאָך די פּראָדוקציע וואו מיר זיינען געווען פאַרטראָטן ראשו ורובו —
האָבן מיר טאַקע שנעל אויף אַ טאָנדעט אופן זי צונויפגעדזשאָבעט מיט נאָדל־
פאָדים, און מיט שער און אייזן קונציק זי צוגעשניטן און לייטיש צוגעפּרעסט
אונזער נאַקעטע בושה צוצודעקן פאַר די אויגן פון דער וועלט—דער פסוק
„וראית את אחורי ופני לא יראה" איז אויך נאָך געזאָגט געוואָרן אויף
אונזער מאָדערנער ליטעראַטור!

נאָר ווען מיר וועלן קומען אין אַ טעטיקן קאָנטאַקט מיט די אור־עלעמענטן,
ווען מיר וועלן מיטאיינגעשלאָסן ווערן אין די פּראָדוקציע פון די ערשטע
שטאַפּן, זיך ראַנגלען מיט זיי און זיי בייקומען, וועט אונזער ליטעראַטור ערשט
ווערן אַן איינהייטליכע גאַנצקייט. דעמאָלט וועט אונזער שאַפן נישט צוזאַמענ־
געדזשאָבעט ווערן פון טראַדיציע און בענקעניש—דאָס געוועזענע און דאָס
קומענדיקע וועלן עלעמענטאַר אַרויסלייכטן פון די עלעמענטן! ראַנגלענדיק
זיך מיט זיי און זיי אויפנעמענדיק אין זיך ווערט די ליטעראַטור אַליין אַ ליכ־
טיק עלעמענט, נישט צעטיילבאַר אין שטאָף און פאָרעם. זי איז דעמלט אַליין
שוין אַ אויסגעשפּיגענע לאַוואַ און געגליווערטער גראַניט—זי איז ערשטע פּראָ־
דוקציע! און נישט נאָר ווערט זי, די נאַטור, מיטן שעפערישן בלויז נתגלה, נאָר
מיטן פּראָדוקטיוון לייענער ווערט זי ערשט ליטעראַטור, ווערט זי ערשט אַ רעאַ־
ליטעט — —

דער אַרבעטער, זיך מאַטערנדיק מיט די שטומע עלעמענטן, זיך באַמיענדיק
זיי אַרויסצורייסן פון די געדערים פון דער ערד, פון די פינצטערע תהומות
אַרויס מיטן שווייס פון זיין פנים, באַגעגנענדיק זיי ווידער אין זיין מנוחה־שעה,
נישט מער כאַאָטיש און תהו ובוהודיק, נאָר אין אַ געפאָרעמטע גאַנצקייט, פער־
שטייט ער זיי, שפּירט ער זייער טעם אויף זיינע ליפּן, געניסט ער זיי און זיי
זיינען זיין באַדערפעניש, זיין גייסטיקע נויטווענדיקייט.

ליטעראַטור איז דאָס ירושהדיקע אייגענס, איז איינגעבוירענע היימישע אַט־
מאָספערע—עס איז דאָס פאַרלוירענע גן־עדן! און דער „פאַרשאָלטענער" פאַר־

בלאָנדזשעטער מענטש, בענקנדיק און זוכנדיק צוריק דעם וועג צו זיין אייגענער נאַטור, דערבליקט ער צווישן די שוועבנדיקע שווערדן איבער זיין קאָפּ דעם בליענדיקן עפּלבוים, אַ באַהאָנגענעם מיט פּירות, לעבנס־זאַפטיקנדיקע.

די יידישע ליטעראַטור, ביי איר אָנהויב און אין איר ענטוויקלונג איז זי געווען אַ פּראָדוקט פונם און פאַרן אַרבעטער—פון זיין בענקנדיק האַרץ האָבן זיך געצויגן די וואָרצלען און מיטן צעשטרעק פון זיינע מוסקלדיקע הענט האָט זיך ברייט צעוואַקסן און געצייטיקט; זי איז זיין האָב און גוטס, זיין פאַרדינטע פרייד און נחת־געניס פון זיין שווערע האָרעוואַניע.

• • •

איז עס דעריבער זער נאַטירלעך, אַז אינם לאַנד פון די אַרבעטער, פון די סאָוועטן, וואו דער יידישער אַרבעטער איז גלייכבאַרעכטיקט צו יעדער מין אַרבעט און צום באַרעכטיקטן לוין פון איר,—אין די קוילן־שאַכטן און אין די גאָלד־מינען, שטייט ער איינגעגראָבן ביז איבער די לענדן, דאָס עשירות פון דער ערד עמערוייז אַרויסצושעפּן! און אין די אייזן־הוטעס און גיסערייען שטייט ער באַלויכטן אין די פלאַמען מיט אויפגעשאַרצטע מאַזאָלעאַרעמס! — איז עס דעריבער זער נאַטירלעך, אַז די ווייטערע ענטוויקלונג פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור איז אַזוי זיכער ווי דאָס טעטיקע לעבן אונזערס. און אונזער שאַפנדיקע שפּראַך און אונזער נייע ליטעראַטור איז גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע אַנדערע זיך שאַפנדיקע ליטעראַטורן.

און ס׳איז דעריבער אויך זער נאַטירלעך און אויך מער נאָך ווי זיכער, אַז פּראַקטישע אינערציע פון די טויזנט יאָריקער אַסימילאַציע נטיות אונזערע — אָ, אַ קלעפּיקע חולאת קאָן אַמאָל אַ שטיק צייט שולט זיין אפילו ווען די אינערלעכע און אויסערלעכע באַדינגונגען זיינען קעגן דעם! . . . — וועט מיט דער צייט אינגאַנצן בטל ומבוטל ווערן אַנטקעגן די שטאַרקע און עכטע שאַפונגס־קראַפט אונזערע,—נאַטור־כוח איז שטאַרקער פון יעדע אינערציע! — און אין קאָנטאַקט אַזוי מיט די גרונט־יסודות פון דער נאַטור און די אור־עלעמענטן. די יידישע ליטעראַטור איז דער גייסטיקער זיך שאַפנדיקער עלעמענט פונם יידישן אַרבעטער און איז אונזער לעבנס נויטווענדיקייט — די לוסט און דער ווילן פון אונזער ווייטערער עקזיסטענץ.

---

וואנדא וואשילעווסקא

## די פעלקער חברותא

— האַלאָ, איר דאָרטן, פעלקער־חברותא, קומט עסן!

— מיר גייען — האָט ריסאַקאָוו געענטפערט. און די גאַנצע טראַיקע האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער רויכנדיקער פעלד־קיך.

— וואו איז די פעלקער־חברותא? — האָט דער לייטער געפרעגט, און יעדער רויטער־אַרמייער האָט מיט זיכערקייט אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן, גראָען טאַנק. אַזוי איז עס געווען פונם ערשטן טאָג אָן, און אַזוי איז עס שוין פאַר־



בליבן. דריי זיינען זיי געווען—אַן אוקראַאינער, אַ רוס און אַ ייד. די מאַנשאַפט אינם טאַנק. תמיד האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען, נישט נאָר אינם טאַנק, נאָר אומעטום און מען האָט זיי נישט געקענט צעשיידן. געשלאָפן אויפן זעלבן געלעגער, צוזאַמען גענומען ס׳עסן פון קעסל, און שעהן גאַנצע האָבן זיי געקענט אָפּזיצן און רעדן צווישן זיך.

— פון וואָס אייגנטלעך האַלט איר דאָס אין איין רעדן? ווי ווערט עס אייך נישט נמאס?

— פאַרוואָס? פאַראַן אַזויפיל פאַרשידענע ענינים . . . וועמען אַרט עס, אַז מיר שמועסן?

אין דער אמתן האָט טאַקע פינקלשטיין גערעדט אַמערסטן. מיקאָלאַ פלעגט גערן לאַכן און זיך צוהערן צו דעם, וואָס מען דערציילט. ריסאַקאָוו איז אָפּטמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג.

— יאָ, שטעלט אייך נאָר פאָר... דאָס רעדט זיך אַזוי: לעבן... כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב שרעקליך ליב דאָס לעבן... און אַלץ וואָלט דאָך געקענט זיין אַזוי שיין.... דאָס לאַנד ביי אונז, אָך וואָס פאַר א לאַנד... די מענטשן ביי אונז—איר ווייסט עס אַליין, וואָס פאַר אַ מענטשן... פון יאָר צו יאָר איז געוואָרן בעסער, וואָס זאָג איך דאָרטן, פון יאָר צו יאָר! פון חודש צו חודש.... און איצט אָט האָסטו דיר...

— דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך—האָט פינקלשטיין אָנגעהויבן מיט זיינע לאַנגע פועל-יוצאס.—אַזוי לאַנג ווי קאַפּיטאַליזם וועט עקזיסטירן, וועט זיין מלחמות. אַזוי לאַנג ווי ס׳עקזיסטירט אַ קאַפּיטאַליסטישע סביבה, הענגט איבער אונז די מלחמה־געפאַר. נאָך דער מלחמה, אַן אַנדער זאַך.

ריסאַקאָוו האָט זיך צוגעהערט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אָפּגעאָטעמט.

— איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי גאַנץ גוט; וואָס גייסטו מיר דאָרטן האַלטן רעפעראַטן... דו זעסט, פאַרשטיין, דאָס איז איין זאַך, און ווידער אַן אַנדער זאַך,—אָט זעסטו, וואָס טוט זיך גאָרנישט אַזוי לייכט, איז טראַכטן...

— דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס מיר זיצן אויף איין אָרט, און טון גאָרנישט—האָט מיקאָלאַ זיך אַריינגעמישט מיט זיין גראָבער באַס שטימע.

— אוודאי איז עס אַזוי... ווען אָבער די קוילן שוויטשען דיר איבערן קאָפּ, דעמלט האָסטו נישט קיין צייט פון גאָרנישט צו קלערן...

— און איך — האָט פינקלשטיין זיך שעמעוודיק מודה געווען—איך.... גראָד דעמלט טראַכט איך מיר. . .

— פון וואָס טראַכסטו?

— נישט פון וואָס... פון וועמען... איך טראַכט מיר... זי הייסט סאָניע...

— דיין כלה?

— יאָ. איך טראַכט מיר פון סאָניען . . .

— ווי זעט זי אויס?—האָט מיקאָלאַ זיך אינטערעסירט.

— זי? סאָניע... סאָניע איז אַ קליינינקע, זער אַ קליינע... דערגרייכט מיר בלויז ביז צום אָרעם, נישט מער... און האָר האָט זי שוואַרצע, און אויגן

שוואַרצע, אַך, אַזעלכע שוואַרצע... און אויפן בעקל, ווען זי שמייכלט, אַ חן גריבעלע...

— אַזוי אַ — האָט מיקאָלאַ לעבעדיק צוגעקלאַפּט צום טאַקט—אַ קיילעכדיק חן גריבעלע.

— דו קענסט זי דאָך נישט — האָט פינקלשטיין זיך באַאומרואיקט.

— וועמען קען איך נישט ?

— וואָס הייסט וועמען... נו, סאָניען....

— נאַטירלעך, איך רעד נישט פון סאָניען, איך רעד פון כאַשען...

— אַהאַ . . .

ריסאַקאָוו האָט ווידער אָפּגעאָטעמט.

— און איך האָב שוין קינדער. צוויי... אַ מיידעלע און אַ ייִנגל. זער שיינע קינדער.

— גרויסע שוין ? — האָט מיקאָלאַ זיך אינטערעסירט.

— זעקס און זיבן יאָר אַלט. דאָס ייִנגל איז אַ לאָבוז. כ׳ווייס גאָרנישט ווי די מאַמע גיט זיך דאָרטן מיט אים אַן עצה... און דאָס מיידעלע... אָך, וואָס פאַר אַ מיידעלע... ווי זי זינגט דאָס... וועט מן הסתם ווערן אַן אַרטיסטקע, אָדער וואָס... דאָס קולכל ביי איר, ווי ביי אַ נאַכטיגאַל, זאָג איך אייך...

— וואָס טוט זיך איצט דאָרטן, אין דער היים ?—האָט ביי פינקלשטיינען די פאַנטאַזיע זיך צעשפּילט.

— אין דער היים ? באַלד וועל איך דיר זאָגן. מיין ווייב פאַרלאַטעוועט קאָליס הייזלעך, זיי זיינען אוודאי צעריסן, יעדן טאָג צערייסט דער ייִנגאַטש די הייזלעך, ווי אַזוי ער טוט עס, ווייס איך נישט. . . מיקאָלאָס כאַשע איז זיכער אין פעלד, ס׳איז שניט־צייט... און סאָניע . . .

— סאָניע איז אין דער פאַבריק. אין אַ טריקאָטאַזש פאַבריק אַרבעט זי. מיין פאָטער איז אויך אין דער פאַבריק... אַ וועבער... די מאַמע האָב איך שוין נישט, געשטאָרבן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, כ׳געדענק נישט ווען... איך בין דער ייִנגסטער...

— שוועסטער און ברידער האָסטו ?

— געוויס, ווי דען... מיין שוועסטער איז אַ דאָקטאָרין... דער ברודער דינט אין דער רויטער אַרמיי אויפן וויטן מזרח... דריי זיינען מיר... געווען פיר, נאָר איין ברודער איז געשטאָרבן.

— אַהאַ... זאָג מיר נאָר, פינקלשטיין, וואָס מיינסטו, ווי אַזוי וועט עס זיין נאָך דער מלחמה ?

— נאָך דער מלחמה ?.... דאָס הענגט אָפּ... פון דעם אַרבעטער קלאַס אין דייטשלאַנד. . . . זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט.

— פינקלשטיין, דו ביסט אַ געפערלעך געלערנטער מענטש... דו האָסט געדאַרפט זיצן ביי אַ ביורא־טיש, אין אַ ביבליאָטעק... דו וואָלסט געדאַרפט זיין אַ פּראָפעסאָר, אָדער עפּעס אַזעלכעס... און נישט זיצן אין אַ טאַנק....

פינקלשטיין האָט שעמעוודיק געשמייכלט.



— איך אַליין האָב אויך דערפון געטראַכט... אַ פּראָפעסאָר... דער טאַטע זאָגט מיר אַלעמאָל : שמואל, דו האָסט אַ קאָפּ... נאָך וואָס פאַר אַ קאָפּ.... דו וועסט זיין אַ פּראָפעסאָר... נאָר דאָס וועט שוין מוזן זיין נאָך דער מלחמה...

— אוודאי, אַז נאָך דער מלחמה....

— כ׳האָב נאָך אַ סך צו לערנען, זער אַ סך...

— און איך וועל נאָך דער מלחמה, באַלד דעם ערשטן טאָג חתונה האָבן מיט כאַשען. ביי אונז איז אַ קאָלכאָז—האָ, האָ ! מיר וועלן האָבן קינדער, אַ סך קינדער. איך וועל באַלעבאַטעווען....

— און איך וועל אָוועקפאָרן מיט לענאַן קיין קאַווקאַז. זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין קאַווקאַז. כ׳האָב עס איר שוין לאַנג געזאָגט—נאָר ס׳איז נישט אויסגעקומען. אָבער נאָך דער מלחמה איז שוין אויף זיכער...

— ווייסט איר וואָס — איז פינקלשטיין געוואָרן לעבעדיק — נאָך דער מלחמה לאָמיר זיך אַלע טרעפן. איך מיט סאָניען, און מיקאָלאַ מיט כאַשען, און דו מיט דיין פרוי. — איר וועט אַלע קומען צופאָרן צו מיר קיין כאַרקאָוו.

— איך האַלט, אַז בעסער צו מיר. צו וואָס דאַרפט איר פאָרן אין אַ שטאָט אַריין. אַז איר וועט קומען צופאָרן, וועט איר זיך לייגן אויפן גראָז ביי מיר אין סאָד... אוי, האָבן מיר אַ סאָד ! אַזעלכע עפּל, זאָג איך אייך.... וועסט קומען מיט די קינדער, וועט דאָס זיין אַ פרייד פאַר זיי !... דיין ייִנגל וועט זיך קענען קריכן אויף די ביימער, און אַראָפּטרייסלען די עפּל...

— און ער וועט ווידער צערייסן די הייזלעך.

— וואָס רעדסטו פון הייזלעך... מיר וועלן זיך אַ לאָז טון צום טייכל, כאַפּן פיש.... אַ שלל פון פיש ביי אונז... וואָס ווייסט איר דאָרטן... כאַשע וועט אָפּקאָכן אַ באָרשט, אַזוי ווי ביי אונז... אין ערגעץ קאָכט מען נישט אַזאַ באָרשט...

— מיט קנאָבל ? — האָט פינקלשטיין געוואָלט וויסן.

— קען זיין מיט קנאָבל... נאָר, נישט צופיל. אויב מ׳לייגט אַריין צופיל קנאָבל, ווערט קאַליע דער טעם, ס׳האָט בלויז דעם ריח פון קנאָבל מער גאָרנישט.... מ׳עט אַריינלייגן אַ קליין שטיקעלע, האַ ? וואָס מיינט איר ?...

— אַ קליין שטיקעלע מעג זיין—האָט ריסאַקאָוו איינגעשטימט.—און בליינעס מאַכט מען ביי אייך ?

— פאַרוואָס נישט ? מ׳קען מאַכן בלינעס.... נאָר כאַשע קאָכט שוין בעסער פיראָזשקעס, פיראָזשקעס מיט קעז, מיט סמעטענע... דו עסט און עסט, דער בויך פּלאַצט דיר, און קענסט דיך נישט אָנעסן גענוג . . . אַזעלכע פיראָזשקעס.

— איך האַלט נישט שטאַרק פון עסן... נאָר זיך אַנידערלייגן אויפן גראָז, ביי אַ טייכל, דאָס זעט איר, יאָ—האָט פינקלשטיין צוגעגעבן.—סאָניע האָט זער ליב די נאַטור.

— הייסט עס, אַז ס׳איז ביי אונז אָפּגעמאַכט ?

— אָפּגעמאַכט.

— לאָמיר נאָר קודם כל באַזיגן די דייטשן.

— האָב נישט קיין מורא, מיר וועלן באַזיגן....

— איך ווייס עס... מיר ווילט זיך וואָס גיכער...

— גיב נאָר אַ קוק ווי ער אײַלט זיך...

— די ערשטע אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט געדויערט...—האָט פינקלשטיין אָנגעהויבן אַ רעפעראַט. ריסאַקאָוו האָט אָבער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— וואָס רעדסטו פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער! דעמלט איז נישט געווען אַזעלכע טאַנקן, עראָפּלאַנען, טעכניק בכלל... איצט איז נישט דאָס... אוודאי וועט עס גיין גיכער.

— אפשר וועט עס טאַקע גיין גיכער — האָט פינקלשטיין מסכים געווען.

— נאָר ס'זאָל שוין זיין פאַרויס—האָט מיקאָלאַ אָפּגעאָטעמט.

— ס'עט זיין פאַרויס אויך—האָט אים פינקלשטיין באַרואיקט.—די סטראַטעגיע פאַרלאַנגט עס.

— האַלאָ, איר דאָרטן, די פעלקער־חברותא, פאַרזאַמלט זיך....

זיי האָבן אַ שפּרונג געטון צו זייער „כאַטע". מיט אַ ריס, אַ קנאַל און אַ גערויש האָט דער טאַנק זיך גערירט פון אָרט פאַרויס.

הויך אויבן אינדערהויך האָבן עראָפּלאַנען געזשוזשעט. אַטויב געהילך פון אַ ווייטער אַרטילערישער שיסעריי האָט געטרייסלט מיט דער לופט, ווי דאָס אָטעמען פון אַ געוואַלטיקן מאָנסטער, ווי דאָס ברומען פון אַ לייב אין אַ טויבער נאַכט. אַ העל ליכט פון ווייטע אויפרייסן האָט זיך געלאָזט מערקן אויפן האָריזאָנט, ווי דער אָפּגלאַנץ פון אַ שרפה. אויפן וועג אין וואַלד, אין נאַכטלעכער פינצטערניש זיינען געגאַנגען די טאַנקן. ווייט איז זיך צעגאַנגען דאָס גערויש פון שטאָלענע רעדער־פּאַסן דאָס סכנותדיקע אייזן געביל. די צווייגן אויף די סאָסנעס זיינען געהאָנגען נידריק איבערן וועג, אין דער פינצטערניש האָבן פייגל זיך געריסן, קלאַפּנדיק הילפלאָז מיט די פליגלען אין דער וואַלדישער חשכות. די קאָלומנע האָט זיך גערוקט פאָרויס, אַ שטאָלענע, אַ סקריפּנדיקע שלאַנג, איינער נאָכן אַנדערן זיינען געגאַנגען די טאַנקן, שווייגנדיקע, בלינדע חיות.

די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אינדערפרי. מיט אַ גערויש, אַ צישן זיינען געגאַנגען די שווערע מאַשינען, האָבן אומגעוואָרפן יינגע ביימלעך, צעשמעטערט פּניאַקעס. אַ בערעזע וועלדל האָט זיך געהאָרכזאַם געלייגט, ווי תבואה אונטער אַ קאָסע אין שניט־צייט. די נאָך נישט אויסגעטרוקנטע טוי אויף די בלעטער, איז איצט געפאַלן ווי אַ רעגן אויף די שטאָלענע דעקן פון די טאַנקן וואָס זיינען געגאַנגען פאָרויס. אויף דער ווייסקייט פון די פּניאַקעס האָבן זיך געגרינט שוואַכע צווייגלעך, ווי אויפן טומאַן פון אַ מילך־ווייסן נעפּל. אין אָט דעם דאָזיקן מילך-ווייסן נעפּל, אין דער זיך טרייסלנדיקער גרינקייט פון בערעזעביימער, אין דער געדיכטקייט פון געוויקסן, וואָס האָבן באַ־



דעקט די ערד מיט פעדער ענלעכע בלעטער, זיינען געגאַנגען די צעשמעטערנדיקע מאָנסטערס. מיט געוואַלטיקן אויפרייס זיינען געפאַלן די קוילן פון די מינענוואַרפערס, מיט קרעכץ, מיט רויש און שטורם זיך צעריסן אין פאַנטאַנישפייער. די האַרמאַטן־שיסעריי האָט אָפּגעהילכט טויב, שאַרף, קורץ האָבן געשפּיגן די מאַשינגעווערן. ריסאַקאָוו האָט אָן אויפהער געהאַלטן די האַנט אויף זיין פולעמיאָט. זי האָט געשפּריצט קוילן פון טויט, אָן אַ טעות צו מאַכן איז דער טויט געגאַנגען אין די דייטשע רייען אַריין, אָנטרעפנדיק זיך אויף אַ געשלאָגענע מאַסע, גייענדיק פאָרויס מיט אַ ווילד, נישט־אַרטיקולירט געשריי. ס'האָט געהילכט, אָפּגעקלונגען אינעווייניק אין טאַנק פון דער שיסעריי אָן אויפהער, די שטאָלענע פּלאַטן זיינען הייס געוואָרן. ס'איז געווען הייס און דושנע, ס'האָט געשמעקט מיטן ריח פון פולווער. ביסלעכווייז האָט דער טאַנק זיך אַרויפגעקריגן אויף אַ בערגל, זיך אַראָפּגעשליידערט אינם טאָל מיט דער גאַנצער משא. איבער דער טרוקענער ערד, האָבן זיך געלייגט די פּאַסן, אויף זיי זיינען געגאַנגען די רעדער, אָן אַ טעות האָט דער מעכאַניזם זיך געקילט, ווייל ר'איז געווען געמאַכט לויט די קלוגסטע אויסרעכנונגען. אַ בערעזע־וועלדל—און אין אַ ווײַלע אַרום אַ גערויש, אַ קראַך פון צעבראָכענע שטאַמען, און פאַרן טאַנק האָט זיך אויפגעעפנט אַ לעדיקער שטח. אַ קראַכן—ריסאַקאָוו האָט געפילט, אַז דער טאַנק צעשמעטערט נישט נאָר בערעזע שטאַמען. אונטער די פּאַסן האָבן זיך געבראָכן, געקראַכט מענטשלעכע ביינער, מענטשלעכע שאַרבנס, מענטשלעכע גופים,—ווי ווערים—האָט ריסאַקאָוו געטראַכט מיט עקל. און אין אָט דער רגע האָט עפּעס אַ זעץ געטון דער שטאָלענער מאָנסטער האָט געציטערט. ער האָט שווער אַ קרעכץ געטון, זיך גערוקט פאָרויס — און געבליבן שטיין.

— אַ פּאַס איז געשעדיקט—האָט מיקאָלאַ געפּרובירט איבערשרייען דאָס ווילדע געברום פון קאַמף. ריסאַקאָוו האָט געשאָקעלט מיטן קאָפּ. די אַנדערע צוויי האָבן זיך געשטעלט ביים מאַשינגעווער פון דער אַנדערער זייט. דער אומבאַוועגלעכער טאַנק איז געבליבן שטעקן ווי אַ באַרג אין פלאָנטער פון ווייסע בערעזע שטאַמען, איינגעוויקעלט אין לאַנגע, גרינע בערעזע צווייגן, וואָס דער האַרבסט האָט זיי נאָך נישט אָנגערירט מיט זיין גילדנדיקער האַנט.

— או—או—אוך!

ריסאַקאָוו האָט גלייך דערהערט דעם דאָזיקן קרעכץ — און ס'האָט זיך אים אויסגעהאַכט, אַז ער אַליין האָט אַזוי געקרעכצט. אַנטקייגנאיבער האָט מען געיאָגט די דייטשן צו דער אַטאַקע. ער האָט געזעען גאַנץ דייטלעך זייערע רויטע, דערהיצטע פּנימער, מיילער ברייט אויפגעמאַכט אין אויסגעשריי. זיי זיינען געווען שכור—ווי תמיד, אָנגעשכורט, נישט ביים באַוואוסטזיין, האָבן זיי זיך געריסן פאָרויס אויף אַ זיכערן טויט אין אַ שגעון פון שכרות. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ביידע האָבן זיך געהאַלטן ביי די אויגן. פאַרשטומט איז געשטאַנען דאָס מאַשינגעווער זייערס. פון אונטער פינקלשטיינס פינגער איז געפלאָסן אַ שמאָל ריטשקעלע בלוט.

— די אויגן—אין די אויגן—אין די אויגן — האָט מיקאָלאַ אייניקע מאָל איבערגעחזרט אין אַ מאָנאָטאָנער שטימע. ריסאַקאָוו האָט דערפילט אַ קאַלטן שוידער ביי זיך איבערן גאַנצן לייב. ער האָט זיך געווענדט צו די פאַרוואונדעטע,—נאָר אין דער זעלביקער מינוט האָט דאָס געשריי פון דער דייטשער זייט זיך אויפגעהויבן מיט טאָפּלטער קראַפט. ער איז צוגעשפּרונגען צו זיין פּולעמיאָט. יאָ, אַזוי זיינען זיי געגאַנגען, זיך געריסן פאָרויס, נישט אומקוקנדיק זיך אויף גאָרנישט.

— קוילן! איר קענט דערלאַנגען. קוילן?

פינקלשטיין איז טאַפּנדיק דערקראָכן צו אים. מיקאָלאַ האָט מיט ציטערנדיקע פינגער אויסגעזוכט די קוילן.

— דערלאַנגט, דערלאַנגט—איר קענט דערלאַנגען?

— וואַרט, איך גלייך, איך גלייך.

ער האָט ניט געקוקט אויף זייערע פאַרבלוטיקטע פּנימער. ער האָט געפילט האַרט הינטער זיך אַ שווער דעכען, אויטאָמאַטיש האָט ער גענומען די קוילן. מיט ווילדער פאַרביסנקייט האָט ער געשאָסן, געשאָסן אויף אַ העל קלאָרן ציל, אויף די דייטשן, וואָס האָבן אויפגעטויכט פון אונטער דער ערד.

— דערלאַנגט, דערלאַנגט...

זיי האָבן דערלאַנגט. פינקלשטיין האָט שווער געאָטעמט, מיט יעדן אָטעמצוג האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן אַ טויבער קרעכץ, אַן אַכצן. מיקאָלאַ האָט אונטערגעקרעכצט מיט אַ דין, קינדעריש קול.

— באַך—דער טאַנק האָט צום צווייטן מאָל אַ ציטער געטון. ריסאַקאָוו האָט געשאָלטן.

— אַרויסקריכן, אַרויסקריכן! מיר וועלן זיך שטעלן הינטערן טאַנק....

— וואַרט, איך. . . .

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן נישט געזעען. בלינד, בלינד זיינען זיי געווען. אין דעם מאָמענט האָט ריסאַקאָוו נישט געפילט קיין מיטגעפיל—נאָר אַ ווילדע פאַרביסנקייט. גראָד איצט, איצט אין אָט דער מינוט—אָט האָסטו דיר אַ גורל, לאָזט מען זיך אויסשיסן די אויגן. וואו האָבן זיי עס געגאַפּיעט, ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געגאַפּיעט איינער נאָכן אַנדערן? גראָד איצט, ווען מ׳דאַרף פשוט אַלע כחות....

ער איז אַרויסגעקראָכן פונם טאַנק, האָט אַ ריס געטון מיקאָלאַן.

— דאָ אַרום, דאָ אַרום!

ביידע פאַרוואונדעטע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די פּלאַטן, פאַסן, און זיינען אַרויס מיט וואַקלדיקע טריט פונם טאַנק.

— אָט דאָ, דאָ, לייגט זיך אַנידער!

— וואו זיינען די דייטשן? — האָט פינקלשטיין טויב געפרעגט.

— פאַר אונז, זעסט נישט?

— ניין, איך זע נישט—איך זע דאָך נישט—האָט פינקלשטיין געזאָגט מיט אַ דערשטיקט קול.



— אין אַ גראָדער ליניע פאַר דיר, גלייך מיט דער נאָז — האָט ריסאַקאָוו אַ וואָרף געטון און אויסגעשאָסן. אַ קליין בערגעלע ערד און דער צעשאָסענער טאַנק האָבן זיי פאַרשטעלט, ס׳איז געווען אַ גוטע פּאָזיציע. ליגנדיק, האָט ער זיך ווייטער געשלאָגן מיט דער ביקס. ס׳האָט געקלאַפּט, גערוישט אין דער לופט, קוילן זיינען פאַרבייגעפלויגן, טאַנקן האָבן גערעשט, געשטורעמט. דער דייטשער אימפּעט איז שוואַכער געוואָרן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ריסאַקאָוו דערזעען ווי פון דער זייט, פונם בערעזע וועלדל האָט פּלוצלונג אויפגעטויכט אַ טאַנק. דער גוף פון אַ גראָ־גרינלעכן מאָנסטער האָט זיך אויסגעשטרעקט נאָענט צו דער דייטשער גרופּע.

— זיינען אָנגעקומען פון הינטן! זיינען אָנגעקומען פון הינטן! — האָט ער פריידיק געשריגן.

די דייטשן האָבן עס נישט אויסגעהאַלטן. אין אַ פּאַניק זיינען זיי געלאָפן צוריק אין דער זייט, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. ריסאַקאָוו האָט זיך אַ הויב אויף געטון פון דער ערד.

— זיי אַנטלויפן! אַנטלויפן! אַנטלויפן!

ער איז געווען שוואַרץ פון סאַדזעס, פאַרבלאָטיקט, איינגעשמירט מיט בלוט, אָנגעשכורט מיט מידקייט און מיט אַ פּלוצלונגדיקער ווילדער פרייד. פון דער זייט, פון הינטן האָבן טאַנקן זיך גערוקט פאָרויס, זעלנער זיינען געלאָפן. די דייטשן האָבן אפילו אויפגעהערט צוריק צו שיסן. גראָ־גרינלעכע מאָנסטערס האָבן זיי געיאָגט פאָרויס, אומרחמנותדיק אַרויפגעפאַלן אויף זיי און צעשמעטערט מיט די שטאָלענע רעדער־פאַסן. די ליכט פון די באָמבענוואַרפערס זיינען אויסגעגאַנגען, דאָס געלאַרם איז געוואָרן שטילער.

— האַלאָ, פעלקער־חברותא, וואו זענט איר? וואָס איז, זיי האָבן צעבראָכן אייער כאַלופּע? דער קאָמאַנדיר איז צוגעגאַנגען צו אים. מיט חידוש געקוקט אויף דער קליינער גרופּע.

— פינקלשטיין, ביזט משוגע געוואָרן, וואָס טוסטו?

ריסאַקאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט. אונטער אַ בערגעלע ערד, פונוואַנען ער האָט זיך מיט אַ ווײַלע צוריק אויפגעהויבן, זיינען ביידע געלעגן, מיקאָלאַ און פינקלשטיין. אונטערשפּאַרנדיק איינער דעם אַנדערן מיטן אָרעם, האָבן זיי זיך געהאַלפן טאַפּנדיק, געלאָדנט רעוואָלווערן, און אויף בלינד זיך געשלאָגן אין יענער זייט, פונוואַנען אַ דייטשע אָפּטיילונג האָט מיט אַ ווײַלע צוריק זיך גערוקט פאָרויס. פון זייערע פאַרבלוטיקטע אויגנלעכער איז געפלאָסן בלוט. אַ ווילדע נערוועזיטעט, אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג האָט זיך געמאָלן אויף זייערע פּנימער אויפגעהויבענע אין דער הייך, וועלכע האָבן געקוקט מיט בלינדע אויגן אויף אַן אומזיכטבאָרן ציל. קורץ, שאַרף האָבן די רעוואָלווערן געשאָסן. נאָך יעדן שאָס האָט פון פינקלשטיינס ברוסט זיך אַרויסגעריסן אַ טויב קרעכצן. מיקאָלאַ האָט געשאָסן שווייגנדיק, די ווייסע ציין אַזוי פעסט פאַרביסן אויף דער אונטערשטער ליפּ, אַז ס׳איז געגאַנגען בלוט.

— וואָס טוט איר דאָ? משוגע געוואָרן, צי וואָס?

— זיי זיינען בלינד — האָט ריסאַקאָוו דערקלערט מיט אַ טויב, קלאַנגלאָז קול.

פונם פוילישן אָריגינאַל,
א. אלמוג

---

י. ריכטיגער

## פרייהייט פון דענקן און גלויבן ביי יידן

### .V

אין די פאַריקע פיר אַרטיקלען איז גענוג דייטלעך באַוויזן געוואָרן, אַז די פרייהייט פון דענקן און גלויבן האָט געשאַפן סעקטיזם און אַרויסגערופן סכסוכים ביים יידישן פאָלק. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַ דאַנק די גרויסע גייסטיקע פירער — וואָס זיינען פון צייט צו צייט אויפגעשטאַנען ביים יידישן פאָלק—איז געלונגען, ריין צו האַלטן פון פרעמדע איינפלוסן די גרונד־פרינציפּן פון דער יודאַאישער וועלט־אַנשויאונג און בייצופּאַסן די יודאַאישע געזעצן צו די פאָדערונגען פון דער צייט. וואָס פיל פון אונז ווייסן אָבער ניט איז, אַז דער פרינציפּ פון פרייעם דענקן און גלויבן איז אויך געווען די איינציקע סיבה פון די יידישע ליידן; — עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די קולטורעלע אָבגעזונדערטקייט פון יידישן פאָלק איז געווען די אורזאַך פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע.

דער ערליכער פאָרשער קאָן זיך לייכט איבערצייגן, אַז אשור, בבל, יון, רוים און שפּאַניען, האָבן לכתחילה ניט אין זינען געהאַט צו פאַרניכטן די יידישע מאַסן. זיי האָבן געשטרעבט אַדורכצופירן אַ צוזאַמענשמעלצונג פון אַלע ראַסן און פעלקער און האָבן דערפאַר געוואָלט, אַז אויך דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך אויפלעזן; אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע איינהייט. נאָר ערשט דאַן, ווען די דאָזיקע אָרביס סיסטעמען—וואָס האָבן אַזוי לייכט פאַרשלונגען און באַהערשט קעניגרייכן און לענדער — האָבן זיך אָנגעשטויסן אין דער שטייפנעקיקייט פון דעם יידישן פאָלק, האָבן זיי געטראַכט, דורכן פאַרמאָרדן פון די יידישע מאַסן, צו באַזייטיקן די שטערונג צו זייער וועלט־הערשאַפט.

אַליין נאָר די יעניקע, וואָס פאַרדרייען בכונה די פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע אָדער סתם איגנאָראַנטן, קאָנען באַהויפּטן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט זיך, צוליב איין אָדער אַנדערע סיבה, **ניט געקאָנט** אַסימילירן מיט דער אַרומיקער וועלט. זיי באַגרייפן ניט, אַז די דאָזיקע באַהויפּטונג קאָן נאָר דאַן אָנגענומען ווערן אַלס אַן אמת, אויב מען גלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַן „אתה בחרתנו פאָלק": אויב מען שרייבט צו דעם יידישן פאָלק ספּעציפישע אָדער גייסטיקע אייגנשאַפטן, קיין אונטערשיד אויב די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינען גוטע אָדער שלעכטע. די הויפּטזאַך איז דער פאַקט: דער



גלויבן, אַז קיין אַנדער פאָלק באַזיצט זיי ניט. מען קאָן אויך ניט קומען צו קיין אַנדערע הנחה נאָכדעם ווי מען ווייסט, אַז די אָרביס סיסטעמען האָבן ניט געוואָלט, און עס איז אויך ניט געווען אין זייערע אינטערעסן אויסצושליסן דאָס יידישע פאָלק פון דער אַלגעמיינער אויפלעזונג און צוזאַמענשמעלצונג פון ראַסן און פעלקער, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין לויף פון דעם דריי מיט אַ האַלבן טויזענט יעריקן באַשטיין פון יידישן פאָלק. אָבער, וועלכער ערנסטער ביאָלאָג אָדער פּסיכאָלאָג—אַ חוץ אַ דייטשער—וועט באַשטעטיקן אַזאַ משוגעת?

דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום לייקענט קאַטעגאָריש אָב די באַהויפּטונג, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט זיך **ניט געקאָנט** אַסימילירן. לויט זיי, איז דאָס יידישע פאָלק ניט בעסער און אויך ניט שלעכטער ווי די אַנדערע פעלקער און דערפאַר פאַרלאַנגען זיי פאַרן יידישן פאָלק דעמזעלבן סטאַטוס ווי יעדעס אַנדערע פאָלק האָט. זיי באַווייזן מיט היסטאָרישע פאַקטן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט זיך **ניט געוואָלט** אַסימילירן, ווייל דאָס יידישע פאָלק איז איבערצייגט, אַז די וועלט פּראָבלעמען קאָנען באַאין אופן ניט געלעזט ווערן דורך אוניווערסאַליזם: דורך דער צוזאַמענשמעלצונג פון ראַסן און פעלקער. נאָר דער איינציקער באַזיס פאַר אַ דוירענדן וועלט־פרידן איז פעדעראַליזם: די אָנדערקענטע רעכט פאַר יעדן פאָלק זיך אויסצולעבן אין זיין אייגנאַרטיקע קולטור אויף זיין אייגענעם באָדן דערפאַר האָט זיך דאָס יידישע פאָלק קולטורעל אָבגעזונדערט פון די איבעריגע פעלקער און געקומען מיט זייערע אוניווערסאַליסטישע אידעען אין קאָנפליקט.

מיר לעבן איצט אין אַ צייט אין וועלכער די אוניווערסאַליסטישע אידייע האָט כמעט גענצליך באַנקראָטירט. יעדער לאָגיש דענקנדער מענטש איז איבערצייגט, אַז נאָר אַ פעדעראַליסטישער סיסטעם קאָן ראַטן די מענטשהייט פון אונטערגאַנג. דאָך, זיינען פאַראַנען יידן און גאַנץ קלוגע יידן אויך, וואָס פרעדיקן נאָך אַלץ, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט ניט קיין רעכט צו באַזיצן אַן אייגען ווינקעלע אויף דער ערד. אמת! זיי זיינען מודה, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אַ רעכט צו ענטוויקלען זיין אייגענע קולטור. זיי ווילן אָבער ניט פאַרשטיין, אַז מיט דעם פאַרלאַנגען זיי פאַר דעם יידישן פאָלק אַן אתה בחרתנו־פאָזיציע אין דער וועלט. זיי ווילן שאַפן עפּעס אומנאַטירלעכעס. זיי ווילן, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיין אַ נשמה אָן אַ גוף — אַ קולטור־איינהייט אָן היימלאַנד. ווען זיי וואָלטן שטודירט די יידישע געשיכטע, וואָלטן זיי געוויסט, אַז מיט דער זעלבער אידייע האָבן זיך אַרומגעטראָגן די אסיים. זיי וואָלטן געזעען, אַז פון דעם אַסיימישן הויכן אידעאַל איז אויסגעוואַקסן אַ בלוט דאָרשטיקער אָרביס־סיסטעם, וואָס פאַראַזיטירט שוין באַלד צוויי טויזענט יאָר אויפן קערפּער פון דער מענטשהייט. . . . קיין קולטור האָט נאָך ביז איצט ניט באַוויזן, אַז זי קאָן עקזיסטירן אָן אַ היימלאַנד. די יידישע קולטור האָט עס אויך נאָר געקענט באַווייזן אַ דאַנק דעם וואָס דער ארץ־ישראל חלום איז געווען עפּעס ממשות'דיקעס אין דער פאַנטאַזיע פון יידישן פאָלק . . . שפּראַך, אייגענ־

שאַפטן און רעליגיע זיינען טייערע אוצרות, זיי זיינען די קולטור פון אַ פאָלק. זיי מוזן אָבער אומבאַדינגט האָבן כדי זיך צו ענטוויקלען אַ פיזישן באָדן אונטער די פיס. משה רבינו, עזרא הסופר און ר׳ עקיבא האָבן דאָס פאַרשטאַנען. די דריי יידישע גייסטער וואָס די חכמי התלמוד זאָגן אויף זיי, אַז זיי זיינען געווען גלייך אין זייער גרויסקייט: אַז זיי האָבן אַלע גלייך געהאַט די זעלבע הויכע קוואַליטעטן צו זיין מחוקקים ביים יידישן פאָלק, האָבן געקעמפט פאַר אַ היימלאַנד, ווייל זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז קולטור אָנע פיזישן באָדן אונטער די פיס קאָן זיך ניט ענטוויקלען, קאָן ניט עקזיסטירן.

ביראָ־בידזשאַן וועט אפשר אַמאָל ווערן אַ יידישע רעפובליק אין סאָוועטישן פאַרבאַנד. דאָך קאָן עס קיינמאָל ניט ווערן די היים פון גאַנצן יידישן פאָלק און דערפאַר אויך ניט זיין קולטור־צענטרום: סטאַלין האָט פאַרוואָרפן די אידייע, אַז סאָוועט־רוסלאַנד זאָל ווערן דער שמעלץ־טאָפּ פון דער מענטשהייט. ער האָט דאָס נייע רוסלאַנד אויפגעבויעט אויף געזונטע פעדעראַליסטישע יסודות. דערפאַר קאָנען נאָר די יידן פון סאָוועט־רוסלאַנד דורך די יידישע רעפובליק אין ביראָ־בידזשאַן ווערן אַ מיטגליד פון דעם סאָוועטישן פעדעראַטיוון בלאָק, אָבער ניט די אַנדערע יידן, פונקט אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער אויסערהאַלב רוסלאַנד קאָנען ניט ווערן קיין מיטגלידער פון דעם סאָוויעטישן בלאָק. אמת, די יידן אויסערהאַלב רוסלאַנד קאָנען געהערן צו אַנדערע פעדעראַטיווע בלאָקן. אָבער דאָס וועט ווידער זיין עפּעס אומנאַטירלעכעס. עפּעס וואָס קיין קולטור איז עס ניט: דאָס וועט זיין—אַ קולטור־איינהייט אָן אַ קאָלעקטיווע היים. עס איז ווירקליך ניט צו באַגרייפן פאַרוואָס די דאָזיקע קלוגע יידן זוכן דוקא אויס פאַרן יידישן פאָלק אַ סטאַטוס וואָס קיין אַנדער פאָלק באַזיצט אים ניט? דאָס קאָן נאָר זיין ווייל זיי חלומען נאָך אַלץ פון אַן אוניווערסאַליסטישע וועלט־אָרדנונג, און מיט דעם וואָס זיי קאָנען ניט מזכה זיין די גוים ווילן זיי כאָטש מזכה זיין די יידן.

א ס י י ם. מען האָט מיך אויפמערקזאָם געמאַכט, אַז אסיים איז אַ לשון רבים און דערפאַר דאַרף מען שרייבן אַסישע-סעקטע און ניט אַסיימישע — ווי איך שרייב.—איך וויל דאָ געבן אַ קיצור פון מיין שטודיום איבער דער סעקטע און איר נאָמען: איך בין געקומען צו דער הנחה, אַז „אסיים“ מיינט „קאָמונע“, ד.ה. אַ געשלאָסענע געזעלשאַפט וואָס לעבט אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות. דאָס וואָרט Sun און Sum מיינט אין גריכישן „צוזאַמען־פאַרזאַמעלט“ ווי אין די ווערטער Sunagogue און Sumphonos די u ווערט גע־לעזן „אי“ ווי אין וואָרט „גדיים“ און דערפאַר איז עס אין לאַטיינישן Synagoga און Symphonia — די „יים“ אויפן ענדע פון אסיים מוז דערפאַר ניט באַדייטן אַ לשון רבים, ניט קוקנדיק וואָס אין גדיים איז די „יים“ אַ לשון רבים. עס איז אויך מעגליך, אַז דאָס וואָרט Com פון Commune וואָס באַדייט אויך „צוזאַמען־פאַרזאַמעלט“ איז פון זעלבן אָבשטאַם. אסיים קאָן דערפאַר שטאַמען פון העברעאישן וואָרט „אסם־אסמיך“, וואָס מיינט אַ שפייכלער — אַ



פאַרזאַמל־אָרט פון תבואה. אסם איז אין קלאַנג און אין באַדייטונג ווי דאָס גריכישע וואָרט Sum אסיימישע סעקטע קאָן דערפאַר מיינען אַ קאָמוניסטישע סעקטע. אין אַראַמישן הייסט אַ שפייכלער „אסניא“ פון דאַנען שטאַמט דאָס וואָרט Essene דער לאַטיינישער נאָמען פאַר די סעקטע. בעללערמאַן באַהויפטעט, אַז דאָס וואָרט אסיים שטאַמט פון אַראַמישן וואָרט „אסותא“ וואָס מיינט היילן. ער ערקלערט דאָס מיט דעם; וואָס די אסיים זיינען געווען היילער פון דעם מענטשנס נשמה. מיר יידן גלויבן ניט אין דעם. וואָרים אויב זיי וואָלטן געווען אַזעלכע קדושים ווי פילון און יוסיפון זאָגן, וואָלטן זיי ניט איגנאָרירט געוואָרן פון די חכמי התלמוד. אין דער אמתן זיינען זייערע מנהגים זער ווייט געווען פון יידישן גייסט. מיט איין מנהג, וואָס איז ניט קעגן יידישן גייסט, זיינען זיי באַקענט געווען צווישן די אַלטע מזרח פעלקער; מיט דעם וואָס זיי האָבן געלעבט אין געשלאָסענע גרופּן אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות. דערפאַר איז מער קרוב לאמת צו שרייבן אסיימישע סעקטן, וואָס מיינט קאָמוניסטישע סעקטן, ווי צו שרייבן אסישע סעקטן, וואָס באַדייט סעקטן וואָס האָבן געהיילט דעם מענטשס נשמה. איך וואָלט געוואָלט הערן די מיינונג פון די לעזער וואָס האָבן זיך אָבגעגעבן מיט דעם אסיימישן פּראָבלעם ביים יידישן פאָלק. און אין אַלגעמיין וואָלט זער גלייך געווען ווען מיר וואָלטן געקאָנט אַרויסרופן אַ דיסקוסיע אין די יידישע העפטלעך איבער די פאַרשידענע פּראָבלעמען וואָס איך האָב אין די פינף אַרטיקלען באַהאַנדעלט. דאָס וואָלט געהויבן דעם אינטערעס פון די יידישע העפטלעך און געהאָלפן פערשפרייטן יידישע וויסנשאַפט צווישן די לעזער. איך בעט דערפאַר די פריינט פון יידישן לשון זיי זאָלן עפענען די דיסקוסיע.

יוסף הלל לעווי

## שכנא זאגאן אין אונזער יידישער סביבה

(המשך)

עס האָט אויך ניט לאַנג גענומען און מיר האָבן געהאַט דעם גרויסן כבוד מאָרריס ראָזענפעלד צו האָבן אַלס אַ גאַסט אין קראָקע. הגם זיינע באַרימטע פּראָלעטאַרישע לידער וועלכע ער האָט אויך איינציק אַרטיק דעקלאַמירט האָבן אונז אַלע באַגייסטערט, האָבן מיר פאָרט עפּעס ניט גאַנץ נאָנט זיך צו אים געפילט, מחמת ער האָט זיך (לויט אונזער דעמאָלטיקער אויפאַסונג) צופיל געחברט מיט די ציוניסטישע אַקאַדעמיקער. אָבער ווען מיר האָבן זיך מיט מאָריס ראָזענפעלדן נאָנטער באַקענט ביי משה ערלעכן (געוועזענער העברעאיש־יידישער שרייבער און לאַנג־יאָריקער קאָרעספּאָנדענט פון אַמעריקאַנער „פאָרווערטס“ אונטערן פסעוודאָנים „יושר“) האָבן מיר ראָזענפעלדן אַלעס מוחל געווען און אים אויך ליב געווינען. זיין טרויעריק פיזישער צושטאַנד און זיין קלעגלעכער מאַטעריעלער מצב, האָבן אים אַ סך דערנער אויף זיין

וועג געשליידערט, וועלכע ער האָט אָבער תמיד מיט ווירדע צעטראָטן.

ס׳קען זיך קיינער ניט פאָרשטעלן די שמחה אונזערע וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט בעת בער באָראָכאָוו איז געקומען קיין קראָקע. זיינע גאונישע פאָרטראַגן וועגן „פועלי־ציוניזם און יידיש״, די פּערזענלעכע שמועסן און אונטערהאַלטונגען מיט אים; האָבן איינעם אַזויפיל נשמה־רייכקייט אין לעבן אַריין מיטגעגעבן, אַז מ׳קען זיך פון זיי אייביק נערן. אַ באַזונדער טיפן איינדרוק האָט דער באַרימטער יידישער פילאָלאָג און פועלי־ציון טעאָרעטיקער געמאַכט אויף ש. זאַגאַנען. יעדע פרייע צייט איז ער נאָר צו באָראָכאָוון געלאָפן און געזעסן מיט אים צו פאַרברענגען, צו שטעלן אים פראַגן און אויסהערן זיינע וואונדערבאַרע תשובות. און ניט געשפּאָרט האָט דער גרויסער דענקער און ניט קליינערער מענטש בער באָראָכאָוו זיך אָפּצוגעבן מיט יוגנטלעכע אַרבעטער, צוקונפטיקע פאַרטייפירער און יינגע טאַלאַנטן. און ווען עס איז נויטיג געווען איז ער פאַר די דאָזיקע אין וואָרט און שריפט עפנטלעך אַרויסגעטרעטן.

צווישן די שרייבער און קינסטלער וואָס האָבן אויף זייער וואַנדערונג אין קראָקע אָפּגעטרעטן און דאָרט געלעבט אַ געוויסע צייט האָבן אויך געהערט: דער אומשטערבלעכער דיכטער ווייטער, וואָס האָט מיט זיינע פאָרטראַגן און פאַרלעזונגען אַ געוואַלטיקן איינדרוק אויף זיינע צוהערער איבערגעלאָזן; אברהם וויעוויערקע, הערשעלע, אלמי, פישל בימקאָ, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, משה זילבורג, מיינער און זאַגאַנס אַ גאָר נאָנטער פריינט, און דער גרויסער אומרואיקער יידישער דענקער און אומפאַרגעסלעכער פאָרקעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור דר. נתן בירנבוים. דער דאָזיקער גרויסער יידישער דענקער האָט אויפגעוועקט אַ סך פאַרשלומערטע טיפע רעליגיעזע געפילן אין אונזערע הערצער, און אויפגעהעלט אונזערע מוחות צו פאָלקסטימלעכער יידישקייט און אונז פאַרבונדן מיט די צאַרטסטע אייביקע פעדעם פון יידישן פאָלק. זיין אייגנאַרטיקייט, איבערגעבנקייט און (אויב מען קען אַזוי זאָגן) פילאָזאָפישע און פאָלקסטימלעכע ליבע צו יידיש, האָט אונזער גאַנצע איינשטעלונג און באַזונדערס ש. זאַגאַנס צום יידישן שפּראַך פּראָבלעם אַ געוואַלטיקן שטויס אויף פאָרווערטס געגעבן.

ניט קיין קליינע ראָלע האָט אויך געשפּילט אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן דער אויפענטהאַלט אין קראָקע פונם באַקאַנטן היסטאָריקער דר. יצחק שיפּער. זיינע אָריגינעלע און טיף אַדורכגעדאַכטע פאָרטראַגן און לעקציעס וועגן מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, אַש און נאָמבערגן האָבן געשמט איבער גאַנץ גאַליציען.

דער יינגער זאַגאַן האָט געהאַט אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט, און ער האָט די דאָזיקע טאַקע געהעריק אויסגענוצט און פיל געלערנט ביי דעם באַרימטן יידישן היסטאָריקער און פיינער עסטעט. עס זיינען שפּעטער אויך אָרגאַנירט געוואָרן ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן פאַר קראָקע און דער פּראָווינץ, אויף וועלכע עס האָבן מיטגעווירקט דר. י. שיפּער, נ. מיפּעלעוו, ש. זאַגאַן און מיין ווייניקייט. עס האָבן אויך אַלגעמיינע באַגייסטערונג אַרויסגערופן דר.



שיפּערס אויסגעצייכנטע טראַקטאַטן איבערן „יידישן רענעסאַנס פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור״, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין יידיש. אין דער דאַמאָלטיקער צייט איז אויך אַרונטערגעקומען צו אונז דער באַרימטער גאַליצישער דיכטער שמואל יעקב אימבער — גערעדט איבער יהואשן און געלייענט איניקע לידער פון זיין באַרימט געוואָרענעם פּאָעם „אסתרקע״ וואָס איז מיט גרויס התפעלות אויפגענומען געוואָרן.

.2

## שכנא זאגאן דער יידישיסט

ש. זאַגאַן האָט ניט פאַרגעסן פרצנס ווערטער,—און באַלד אָנגעפאַנגען אַרטיקלען צו שרייבן אונטערן פּסעוודאָנים „נירון״, צו האַלטן פּראָפּאַגאַנדע רעדעס און אַרומצופאָרן אין דער פּראָווינץ אויף אַגיטאַציע. כדי צו הייבן דאָס יידישע וואָרט און צוצוציען די יוגנט, האָט אויך דער אַרבעטער יוגנט פאַריין אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישע סעקציע, אין וועלכער זאַגאַן האָט אָנגעהערט. אַ סך מאָל איז מיט אונז י. שיפּער מיטגעפאָרן און גערעדט איבערן יידישן טעאַטער: זיין ענטשטייאונג און באַדייטונג פאַר די יידישע מאַסן. אַמאָל האָבן מיר זיך פאַרקליבן צו פאָרן קיין קרזאַנעוו כדי דאָרט אויפצופירן „קבצנזאָן און הונגערמאַן״ פון אברהם גאָלדפאַדן. זאַגאַן האָבנדיק אַ מיידלשן פּנים איז פאַרמשפּט געוואָרן צו שפּילן חנעלען.

עס איז קלאָר אַז אונזער ליבע צום טעאַטער איז געווען גרעסער ווי אונזערע שוישפּילערישע פעאיקייטן, אַז מיר זיינען ניט געווען קיין געהויבענע בינען־טעכניקער און קיין גרויסע רעזשיסערן, דערפון איז אָפּגערעדט, אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך וויל נאָר בקצור דערציילן וואָס מיט אונז האָט אויף אַזאַ פאָרשטעלונג פּאַסירט. אַריינהאַקענדיק צוויי האָקעס אין אַ וואַנט פון אַ פאַריינס־לאָקאַל, כדי צו קענען ציען אויף אַ שנור אַ קאָלדרע, וואָס איז געווען אונזער פאָרהאַנג, האָט זיך אונז אַמאָל געטראָפן אַז די שנור איז צו פעסט געשפּאַנט געוואָרן, אַרויסגעריסן די האָקעס און די פאָרהאַנג איז אַראָפּגעפאַלן נאָך איידער מיר האָבן אָנגעפאַנגען דעם ספּעקטאַקל צו שפּילן. מיר האָבן זיך גראָד געהאַלטן אין איבערטאָן. זאַגאַן איז פונקט פאַרנומען געווען מיטן פאַרמעסטן זיך אַ בוזעם. בלייבנדיק אין זיינע קורצע תחתונימלעך איז ער ניט אייבערגעשראָקן געוואָרן, נאָר אַ כאַפּ געטאָן זיין קלייד, זיך דערין איינגעהילט און אויף אַ בענקל אַרויפגעשטיגן און געהאַלטן אויסגעשפּאַנט די שנור מיט דער קאָלדרע ביז מיר האָבן זי ווידער אָן דער האַקע באַפעסטיקט. . . . דאָס געלעכטער און געקוויטש פון די מיידלעך, ווייבלעך און בחורים, האָט אויפגעהערט. ס׳איז ווידער געוואָרן אויס פורים, נאָר בזה האופן האָט אונז זאַגאַן פון דער מיזעראַבעלער טראַגיש־קאָמישער סיטואַציע אַרויסגעראַטעוועט.

אַ וואַגנדיקער און איבערגעגעבענער געטרייער חבר איז תמיד געווען ש. זאַגאַן. זיין לעבנסמוט און שפּרודלדיקע פריילעכקייט האָט יעדערן אָנגעשטעקט.

אויף דער יוגנטלעכער אַרבעטער קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אומגעפער אינם יאָר 1909־1910 אין לעמבערג איז ש. זאַגאַן שוין פיגורירט כמעט אַלס איינער פון די הויפּרעדנער און ביי אַלעמען שטאַרק אויסגענומען. מען האָט אים ליב געהאַט און געאַכטעט מחמת זיין שאַרפן און לאָגישן באַנעמען פון יעדן ענין. און באַזונדערס אַדאַנק זיין אויסערגעוויינלעכן רעדנער טאַלאַנט.

אפשר אין דער זעלביקער צייט אָדער אַ יאָר צוויי פריער איז אויך פאָרגעקומען איבער גאַנץ גאַליציע די „פאָלקסציילונג״,—און צו דער דאָזיקער האָבן זיך בשעתו די פּאָלאַקן שטאַרק אונטערגעגאַרטלט, געזוכט צוגעווינען אויף זייער צד די רוטענער און די יידן, כדי צו האָבן אַ גרעסערע מאַנדאַטור אינעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. מ׳האָט אונטערגעקויפט, געחנפעט, צוגעזאָגט כל טוב, נאָר זיך צו פאַרשרייבן אַלס אַ פּאָלאַק; דאָס מיינט, אַז פויליש איז „די מוטער שפּראַך״. און אַז דאָס איז ניט געגאַנגען מיט גוטן, האָט מען געפרובט מיט בייזן עס צו רעאַליזירן, דראָענדיק מיט כלערליי שטראָפן שבעולם. זאַגאַן און מיין ווייניקייט זיינען דאַמאָלט אַרומגעפאָרן אַגיטירן איבער דער פּראָווינץ אָנצוגעבן יידיש אַלס „די מוטערשפּראַך״. עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן אַז אַן אומגעהויערע ראָלע האָט דעמאָלט געשפּילט דער באַרימטער למדן, שרייבער ציוניסטישער בעל עסקן, און באַזונדער גרויסער אוהב פון יידיש—לייבל טויבעס ז״ל. זיין פקחות, חריפות, האָט שטאַרק משפיע געווען אויף ברייטע יידישע קרייזן, ער האָט זיך פשוט מוסר נפש געווען צו דערקלערן און צו באַווייזן די וויכטיקייט פון יידישן לשון, און דעם חוב וואָס יעדער ייד איז שולדיק זיין שפּראַך. ער האָט געהערט צו די ערשטע פּיאָנערן און פאָרקעמפער פאַר יידיש אין גאַליציע. זיין נאָמען מוז תמיד מיט אַזאַ ליבע און דרך ארץ דערמאָנט ווערן,—ווי ער האָט געטראָגן צו יידיש און צום יידישן פאָלק. צוליב די זעלביקע פּאָליטישע טעמים וואָס די פּאָלאַקן האָבן פאַרלאַנגט אַז די יידן זאָלן אָנגעבן פויליש אַלס זייער מוטערשפּראַך, האָבן די ציוניסטן פערלאַנגט (פאַרשטייט זיך נאָר על פי מוז) אַז יידן זאָלן אָנגעבן „יידיש״. די אַקציע האָט מיט דער צייט אָנגענומען שאַרפערע פאָרמען. ס׳איז קלאָר, די פּאָלאַקן אַלס אַ מערהייט האָבן אונטער דער עסטרייכישער דעמאָקראַטיע דעמאָלט פאַרמאָגט מער מיטלען און מעגלעכקייטן זייער פּראָפּאַגאַנדע אויסצוברייטערן און אַדורכצופירן. און דער קאַמף איז באמת ניט געווען קיין קליינער (הויפּטזעכלעך אין קראָקע) מחמת די עלטערן זיינען דאָס רוב געווען אָדער פאַנאַטישע חסידים, וואָס האָבן מורא געהאַט מוריד במלכות צו זיין, אָדער פּוילישע אַסימילאַטאָרן מיטן יידישן גלויבן (גערופענע משה רבינו פערדלעך) מה־יפיתניקעס, וואָס האָבן זיך געשעמט מיט יעדן פונק יידישקייט און געשטאַלצירט מיט אַלעם וואָס איז געווען פויליש. מיר האָבן באַשלאָסן משפּיע צו זיין אויף אונזערע עלטערן, און ניט צודערלאָזן בשום אופן וועלכע ס׳איז בגידה פון פחדנות. מיר זיינען געווען באַרייט אויף אַלעם און האָבן אונזער באַשלוס אַדורכגעפירט. פאַרשריבן אויף די „פּראַגעבויגענס״ אַז אונזער מוטערשפּראַך איז יידיש״, ניט פויליש!



אין אַ שיינעם האַרבסטיקן זונטיק פאַרמיטאָג איז עס געווען: בעת ס׳זיינען צוויי „פּאָכאָלקעס״ מיך געקומען פאַרבעטן אויף דער פּאָליציי־סטאַציע. דאָרטן איז מען געווען אויסערגעוויינלעך פריינדלעך צו מיר, מיך געבעטן זיך מישב צו זיין, און צוריק צוציען מיין אונטערשריפט: ווייל אַז ניט וועלן זיי זיין געצוואונגען אין תפיסה מיך אַריינצוזעצן, מחמת עס גיט נאָר צוויי מוטערשפּראַכן: איינע פויליש און די אַנדערע דייטש, און אַזוי ווי מיר לעבן אַלע אין פוילן מוז מיר דעם אמת שרייבן: אונזער „מוטערשפּראַך״ איז פויליש.

פון אַ נעבן־פאַרהער־צימער האָב איך פאַרנומען ש. זאַגאַנס דרייסטן און אויפגערעגטן קול: „באין אופן וועל איך מיין אונטערשריפט ניט ענדערן! דאָס געזעץ פאַרלאַנגט דאָך דעם אמת, אין אַנדערן פאַל ווערט מען באַשטראָפט, איז וויל איך ניט באַשטראָפט ווערן. מיין מוטער רעדט צו מיר ניט קיין פויליש, מיין פאָטער אויך דאָס זעלביקע, און ס׳איז קלאָר אַז זייער זון ענטפערט זיי ניט אין קיין אַנדער שפּראַך ווי זיי רעדן צו אים . . .״

— דו ביסט דאָך אָבער אַ פוילישער סטודענט וואָס וועט קומען אויף דער פוילישער אוניווערזיטעט, און סוף כל סוף ווילסטו דאָך דיין קאַריערע אויך ניט ביי די דייטשן נאָר אין פוילן מאַכן.

— געוויס, איך בין אַ פוילישער יידישער סטודענט!

— דו האָסט אָבער פאַרגעסן, אַז דו טרעטסט אויף דער פוילישער ערד און עסט אויך פויליש ברויט . . .

— איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן, האָט דער יינגער נאַציאָנאַל־באַוואוסטער זאַגאַן זער העפלעך, אָבער ניט ווייניקער ערנסט געענטפערט: איך האַלט ניט פון די טעריטאָריאַלע גרעניצן וועלכע מענטשן האָבן זיך קינסטלעך באַשאַפן כדי זיך אָפּצוצוימען . . . ווען איר האַלט אָבער יאָ דערפון, איז דאָס אייער עסק. און איבעריקנס, טרעטן מיינע אבות כמעט שוין אַזוי לאַנג אויף דער פוילישער ערד ווי די אייעריקע! און מכח דעם וואָס איר מיינט איך עס פויליש ברויט, מוז איך אייך ענטפערן, אַז דער באָדן איז שוין ניט איינמאָל מיט יידיש בלוט באַפרוכפּערט געוואָרן! דער אמת איז מיר אויך פיל וויכטיקער ווי אַלע אוניווערזטעטן און קאַריערעס, און אויב מיין קאַריערע מזז זיך באַזירן אויף שקר, פאַרציכט איך אויף אַזאַ קאַריערע . . .

— וועסטו אין תפיסה אַריינקומען, האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געדונערט מיט כעס און שנאה.

— ביטע מיין הער, אויב עס איז נייטיק פאַר דעם אמת צו זיצן, וויל איך עס גערן.

נאָך אַ קורצער צייט האָב איך זיך טאַקע מיט זאַגאַנען אין תפיסה צוזאַמענגעטראָפן. עס זיינען דאָרט שוין אויך פאַרזאַמעלט געווען פּאַרטייפירער פון דער „זש. פּ. ס.״ (גאַליצישן בונד), פון דער פועלי ציון, און פון די ציוניסטן. חברה זיינען דוקא גאָרניט טרויעריק אויפגעלייגט געווען, גראָד קאָפויער: מיר האָבן אַזוי פיל זיך געוויצלט און געלאַכט, אַז אין די תפיסה־

מויערן האָט נאָך קיינמאָל ניט געהילעכט אַזוי פיל שפרודלדיק פרייליכן געלעכטער . . . איבריקנס זיינען מיר אויך גאָרניט לאַנג געזעסן מחמת אַדוואָקאַטן פון אַלע פּאַרטייען האָבן אונז באַלד באַפרייט.

ווי די „יידישע־אַקציע" האָט זיך דעמלט פאַרענדיקט איז ניט וויכטיק, וויכטיק איז נאָר, אַז די פּראָפּאַגאַנדע צוליב דער יידיש־אַקציע, האָט יידיש שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט אויך צווישן ניט יידן, און איינגעפלאַנצט אויך חשיבות און דרך ארץ ביי די פשוטע פאָלקסמאַסן צו זייער שפּראַך, וואָס האָט אינסטינקטיוו ביי יעדן איינעם געשלומערט אין האַרצן און נאָר געוואַרט אויף אַ דערוואַכונג. (סוף פונם אַרטיקל אין קומענדיקן העפטל)

## מאָריס מייער, ע״ה



מאָריס מייער

געצייכנט פון מאָריס סאָכאַטשעווסקי, אין 1937.

מאָריס מייער, דער רעדאַקטאָר פון „די צייט", געהערט צו דעם פערגאַנגענעם דור יידישע זשורנאַליסטן פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. און כאָטש אין זיין אידעאָלאָגיע איז ער געגאַנגען מיטן שטראָם,—געהאַט דעם אינסטינקט פאַרן געשיכטלעכן פּראָצעס און פאַרמאָגט אַ זיכערן פּאָליטיש־פּראַקטישן חוש פאַרן רעאַלן לעבן!—אין זיין סטיל איז ער געבליבן געטריי צו יענער ראָמאַנטישער שולע.

און נישט נאָר ווי אַ טאַלענטירטער זשורנאַליסט געהערט ער צו יענער גרופּע, נאָר אויך ווי אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר. און אויב מייערן פעלט די בקיאות פון אַ פייגנבוים און אַ פיליפּ קראַנץ, איז מייערס פאַנטאַזיע דערפאַר געווען אַ יינגערע און אַ באַוועגלעכערע.

מאָריס מייערס פעדער איז געווען פליסיק און אָפט פיל מיט טעמפעראַמענט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער זשורנאַליסט און אַ נאָך בעסערער רעדנער, דאָס לעצטע איז מסתם אויך ווי אַ סימפּטאָם פון דער דערמאַנטער גרופּע!

און אין אַן אָפּגעשטאַנענעם ישוב ווי דער יידישער קבוץ־הגלות דאָ אין ווייטשעפּעל,—אַ זיך פאַרעמנדיקער צווישן יאָ און ניין! — איז זייער נאַטירלעך, אַז אַ טאַלענטירטער מענטש מיט אַזעלכע בעגאַבונגען און האָבנדיק



נאָך צום אייגענעם געברויך אַ טעגלעכע צייטונג, ווערט געצוואונגען אַלזייטיק צו ווירקן און צו זיין טעטיק און ווערט מיט אַריינגעצויגן מיט אייגענעם ווילן, צי מיט געוואַלט צווישן אַלע גרופּירונגען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

און מען מוז שוין גוט באַלאַנסירן מיט טאַקט, מיט קלוגקייט און מיט אַלעם איבריקן וואָס עס געהער דאָצו צו קענען אויסהאַלטן ווי אַ רעדאַקטאָר איבער דריי צענדליק יאָר...

נישט אין אַן עלפנביין־טורעם איז מאָריס מייער געזעסן און פאַרפאַסט זיינע אַלזייטיקע אַרטיקלען און פּאָלירט זיינע כלעראליי פּאָליטישע רעדעס, וואָס האָבן די ווייטשעפּעל מאַסן אָפט מיט זיך מיטגעריסן—אין דער מעטראָפּאָליס פון אַ גרויסער אימפּעריע, אין דער שטאָט לאָנדאָן, וואו גרויסע וועלט־פּאָליטיק און יידישע איז צוגעשניטן געוואָרן און אויך צום טייל פאַרשניטן געוואָרן, איז מייער געשטאַנען ביי זיין רעדאַקציע־שטענדער אין דער יידישער גאַס, אויף וועלכער דער קולטור־ניוואָ איז נישט גרעסער פון וועלכן נישט איז קליינעם יידישן שטעטל אין רומעניען.

און אויב אין די דריי צענדליק יאָר ווי דער רעדאַקטאָר פון „די צייט", האָט מאָריס מייער די זכיה געהאַט צוציען אַ סך פון אונזערע גרויסע שרייבער, כדי צו געבן דעם ווייטשעפּלער לעזער־פּובליקום די יידישע ליטעראַטור, איז עס נישט נאָר צוצושרייבן זיין געשיקטקייט פון אַ רעדאַקטאָר נאָר אויך צו זיין גייסטיקער באַוועגלעכקייט און פאַנטאַזטישע יוגנטלעכקייט, וואָס ער האָט געהאַט זיין גאַנץ לעבן. ערע זיין אָנדענקן!

ביים דערהערן די טרויעריקע ידיעה פון מאָריס מייערס טויט, האָט „פריינט פון יידיש לשון" צוגעשיקט אַ מיטלייד־בריוו צו די חשובע אלמנה פונם נפטר און צו די קינדער, און אויך אויסדערוויילט אַ דעלעגאַציע זיך צו באַטייליקן אין דער לויה. די יידישע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס האָבן באַלד דעם נעכסטן שבת איינגעאָרדענט אַן הזכרה, וואו צוזאַם מיטן קאָמיטעט פון יידיש לשון האָבן זיך אין איר באַטייליקט אַ סך פון די לאָנדאָנער שריפטשטעלער און די רעדאַקציע מיטאַרבעטער פון די „צייט". אויף דער פּלאַטפאָרם איז אויך געווען דער זון און דער ממלא מקום פונם חשובן נפטר, האַרי מייער. נאָך דער הזכרה און די רעדעס, האָט ער דערקלערט פאַרן גרויסן עולם, אַז ער האָפט צו קאָנען ווייטער דינען מיט דער צייטונג די אינטערעסן פון ענגליש־יידישן ישוב.

אויף דער קומענדיקער זיצונג פונם קאָמיטעט פון יידיש לשון וועט אויך באַשלאָסן ווערן אויב ס׳זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַן עקסטרע־„העפטל" צום אָנדענקן פונם פאַרשטאָרבענעם. אויך אונזער גרופּע אין מאַנטשעסטער האָט צוגעשיקט צו דער רעדאַקציע פון „די צייט" אַ מיטלייד־בריוו און האָלט ביים איינאָרדנען אַן הזכרה. ש.

## „פריינט פון יידיש לשון" און זיין טעטיקייט

אין פאריקן העפטל (נומ. 57) האבן מיר אפגעדרוקט א פייערלעכן קול־
קורא צו אלע די פריינט און חברים פון דער לאנדאנער יידישער אינטעליגענץ,
און די, וועלכע האבן א באציאונג צום קולטורעלן יידישן לעבן אין לאנדאן.
די אויפגאבן און צילן זיינען אויך רעזומירט געווארן אין אלגעמיין. עס בלייבט
איצט צו זען אויף וויפיל אונזער רוף איז דערהערט געווארן און ווי גרויס עס
איז דער דראנג און דער וואונטש, אז דאס יידישע לעבן זאל דערהויבן ווערן
צו א העכערער ניוואָ.

„פריינט פון יידיש לשון" טרעט צו רעארגאניזירן און פערצווייגן זיין
טעטיקייט אויף א ברייטערן מאסשטאב אין איר קולטור ארבעט אויף דער
יידישער גאס, וואס זי פירט אן זינט איניקע יארן. אויף די לעצטע קאמיטע
זיצונגען איז באשטימט געווארן צו פארמען א גרויסע יידישע קולטורעלע אר־
גאניזאציע, באזירט אויף מיטגלידערשאפט און חברשאפט; דערמיט האט די
ארגאניזאציע „פריינט פון יידיש לשון" דעם צוועק:

1. צו דערנענטערן און באהעפטן די אבגעריסנקייט, אבגעשליסנקייט פון
יידישן ישוב דא, כדי אריינצוברייגנען א ווארימע און לעבעדיקע אטמאספערע
סיי אין יידישן פערזענלעכן, סיי אין געזעלשאפטלעכן לעבן;

2. צו ענטוויקלען, בארייכערן דאס יידישע לעבן, איר ליטעראטור און
קונסט, אירע גייסטיקע, נאציאנאלע און קולטורעלע ווערטן ביים יידישן פאלק

3. צו דערנענטערן איר יוגענט מיט דער יידישער ליטעראטור, מיט דער
יידישער סביבה און מיט די פראבלעמען און קאמפן פון יידישן פאלק.

4. צו ענטוויקלען און פערשפרייטן נאך מער די יידיש־ליטערארישע
שבת־נאכמיטאקס אין פארעם און אינהאלט;

5. צו פערגרעסערן און באריכערן די חודש־„העפטלעך" אין כמות און
איכות.

צו שאפן אזא ארגאניזאציע און אן אינסטיטוציע וואס זאל ווערן א בית־
הכנסת, א זאמלהויז פון אלץ וואס דארף אויפגעהאלטן און צעמענטירט ווערן
אין לעבן פון א פאלק, באזונדערס צו שטארקן און פעסטיקן דאס לעבן אין
ענגלאנד, וואס איז אימפעראטיוו פארן יידישן קיום דא אויפן ארט.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאקס

(אין גרענד פאלעי, קאמערשעל רויד, א.1.—3 אזייגער.)

שבת, דעם 4־טן נאוו. — לכבוד 27 יאר סאוועט־רוסלאנד.

שבת, 11־טן, — י. ראלין, די מזרח־יידישע איינוואנדערונג אין
ענגלאנד. בעלקין וועט פארלייענען פון לאנדאנער יידישן שאפן.

שבת, דעם 18־טן, — י. טיגער, איבער וועלוול זבארזשער.

שבת, דעם 25־טן,—דר. טענענבוים, איבער יידיש־דייטשע מוזיק.

**א. נ. שטענצל**

גערדוקט ביי י. נאראדיצקי און זין, 129־131, קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

פרייז -/1

58



# לכבוד חנוכה

## איבער די שריפטן-שאפונגען פון דער חשמונאים עפאכע

(אן אריינפיר־ווארט אזא צום חנוכה־„העפטל" הייאר)

1.

אין משך פון אונזער לאנגער געשיכטע איז אונזער לאגע געווען אזעלכע,
אז מיר האבן פארגעסן, צי די אכט ליכטלעך, וואס מיר צינדן אן אין חנוכה
זיינען טאקע אילומינאציעס, גלאריע־פייערן פאר אונזערע גבורים, פאר די
מכבי־העלדן, אדער זיינען דאס גאר צאנקנדיקע יארצייט־ליכטלעך נאך אונ-
זערע אומגעקומענע דעמלט, אונזערע קדושים און פארפייניקטע.

איז דאך אויך אונזער לאגע געווען אזעלכע, אז פונם גאנצן בוך חשמונאים
א׳ און ב׳ פון די כתבים אחרונים, פון די אלע העלדן־טאטן פון די חשמונאים
זין און פון די אלע וואונדערלעכע מכבי־קאמפן און נצחונות, איז אין תלמוד
נאר א פאר שורות דערמאנט: פונם קריגעלע אייל מיטן הותם פונם כהן גדול.

• • •

א פאלק וואס איז „ללעג ולקלס", וואס ציטערט פארן אייגענעם שאטן,
האט שוין מורא צומאל פאר זיינע אייגענע העלדן! און וואלטן מיר דען פארן
גלית באזיגער נישט געציטערט, ווען מיר וואלטן אים אין מויל נישט אריינ־
געלייגט די הייליקע ווערטער „אנכי תלעת ולא איש חרפת אדם ובזי עם"? די
העראען אונזערע פון דער ביבלישער עפאכע זיינען אונז אפגעראטעוועט גע־
ווארן מיט די הייליקייט וואס מ׳האט זיי פערהייליקט און אויך די קינסטלע־
רישע שאפונגען און פילאזאפיש פרייע געדאנקן פונם תנ״ך זיינען אויך אויף
דעם אופן אונז אפגעראטעוועט געווארן.

די צייט פארשטיינערט די העלדן צו מאנומענטן! און דער גרינשפאן,
וואס ליגט אויף אלטע שאפונגען לאזט זיך אויסטייטשן און דרשנען מיט ק״ן־
טעמים! זיינען דאך שיר השירים און איוב — אונזערע צוויי גרעסטע שא־
פונגען, קינסטלעריש און פילאזאפיש! — אויף דעם אופן טהור געווארן, אריינ־
גענומען צו ווערן אינם אפגעשלאסענעם תנ״ך.

אנדערש מיט די חשמונאים־העלדן, וואס די „שירי כנסת הגדולה" זיינען
נאך געווען זייערע לייבהאפטיקע איניקלעך! זיי זיינען נאך געשטאנען
צו נאנט פנים לפנים . . . און נישט נאר אויף דעם וויכטיקן גע־
שיכטלעכן חשמונאים־בוך האבן זיי מותר געווען, נאר כמעט אויף אלע ריין
קינסטלערישע און פילאזאפישע שאפונגען פון זייער עפאכע: די וואונדערלעך
שיינע דערציילונגען פון „יהודית", „שושנה" און „טוביה", די פילאזאפישע און
טיפע געדאנקן אפאריזמען פון „בן סירא" און „חכמת שלמה" **א.א.**